STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04908

7TER NOVEMBER

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Irving & Davida Shipkowitz
in memory of
Diane & Buddy Grais*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

7טער נאָוועמבער

צווייטער טייל פון דער באַוועגלאַכער כרעסטאָמאַטיע
פאַרן פערטן לערניאָר פון די עלעמענטאַרע שולן.

צוזאַמענגעשטעלט פון אַ לערער-קאָמיסיע

פ אַ ר ל אַ ג :
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אָרדן
הויפּט פאַרקויף: 32 יוניאָן סקווער
ניו יאָרק, דעצעמבער, 1930

דער צווייטער טייל פון דער באַוועגלאַכער כרעסטאָ־מאַטיע אַנטהאַלט מאַטעריאַלן און אַרבעטן פאַר די פּראָיעקטן „רוסישע רעוואָלוציע“ און „לענין“ פאַרן פערטן לערניאָר אין העסקעם מיט דער פּראָגראַם פון די אידישע קינדער־שולן באַם א. אַ. אָ.

די כרעסטאָמאַטיע איז גוטגעהייסן געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון די אידישע קינדער־שולן באַם א. אַ. אָ. און פון דער קולטור־קאָמיסיע באַם א. אַ. א.

Copyright:
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
32 Union Square, New York
December, 1930

געדרוקט אין נאָבאָס דרוקעריי, 129 לאַפּאַיעט גאַס, ניו יאָרק.

1905

סאָרע באַרקאַן

דער שטומאַק

קינדער, איך וועל אייך דאָ איצטער דערציילן,
וואָס עס האָט געטראָפן מיט יאָרן צוריק,
מ'איז נאָך אין רוסלאַנד דאָן שקלאַפן געוועזן
און איך אויך אַ שקלאַף אַזאַ אין אַ פאַבריק: —

מיר האָבן געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.
קלאַלעס, געשרייען פון באָס נאָר געהערט; —
ער האָט אונז געצאָלט אַ רובל אַ וואָך,
און מיר האָבן געמיינט: אַזוי איז באַשערט...

מיר האָבן געהערט, אַז אין גרעסערע שטעט
קעמפט מען פאַר פרייהייט, ניט נאָר פאַר ברויט.
מיר האָבן געהערט, אַז פאַר אַט־דעם קאַמף
ווערט מען באַשטראָפט מיט טורמע, מיט טויט.

נאָר בײַ אונז אין פאַבריק איז אומעטיק, שטיל,
מיר שקלאַפן פאַרבענקטע — נאָך זון און נאָך פרייד.
דער באָס נאָר ער שרייט און טרייבט אונז ווי פערד,
מיר קוקן ניט אָן קיין יאָנטעוודיק קלייד.

ביז איין אינדערפרי — דער באָס קומט אַריין,
(ס'איז געווען אין ניינצן הונדערט און דריי),
ער פירט אויך מיט זיך אַ באָכער אַריין, —
קוקן מיר אַלע שטיל און געטריי.

דער באָכער איז הויך און מאָגער און בלאַס,
האָט טונקעלע אויגן, געקרייזלטע האָר,
ער קוקט אויף אונז — שטיל, ווי אַ טאָם,
דערנאָך נעמט דער באָס און שטעלט אים אונז פאָר:

„אט דאס איז א באכער, וואס׳ט ארבעטן דא.
דער באכער איז שטום און טויב ווי די וואנט.
איך מוז אים דא האבן צו דרייען די ראד,
כ׳האב לאנג שוין געזוכט אזא ביליקע האנט“.

שטעלט זיך דער באכער גלייך דרייען די ראד.
(אן ארבעט, וואס פאסט זיך נאר פאר א פערד),
ער דרייט פון דער פרי ביז שפעט אינדערנאכט —
טראכטן מיר: — אים איז אויך, נעבאך, באשערט...

ארבעט דער שטומער א כוידעש און צוויי.
ס׳צאלט אים דער באס מיטן אפפאל פון טיש.
און ער אלץ — ער שווייגט, געבויגן זיין קאפ,
מיד, אז ער שלעפט זיך שוין קוים אף די פיס.

מ׳שלעפט אים באס פאלע: שטומאק און שטומאק!
מ׳שיקט אים נאך בייגל אין רעגן און שניי,
און ער לויפט ארום וואו מען שיקט אים —
קריגט וואו א קענדל און קאכט פאר אונז טיי.

קומט ווארעמעס־צייט, אז מ׳זיצט און מ׳רעדט
פון די ביטערע ליידן, וואס אונז איז באשערט,
נעמט דער שטומאק דעם טרוקענעם בעזים אין האנט,
ער גייט צו צום טיש און קערט דארט און קערט...

נאר איינמאל פארנאכט, ס׳איז פרילינג געוועז,
ס׳אוועק נאר א טאג אן פרייד און אן זין,
איך טו אן מיין מאנטל און וויל גיין אהיים,
נעפין איך א בריוועלע ליגט באם מאשין:

„הער נאר, דו מיידל פון ארבעט און נויט!
ווילסט וויסן דעם וועג צו פרייד און צו גליק?
זאג פון דעם בריוועלע קיינעם ניט אויס,
און גיי ניט אהיים, נאר גיי וואו איך שיק.

פארנעם זיך אף רעכטס א וויארסט און א האלב,
דערזעסטו דעם קלויסטער, די שטאטישע באד,

מוזסטו גיין ווייטער א וויארסט און א האלב,
ביז דו דערזעעסט דעם פריצישן סאד.

זאלסט בא קיינעם ניט פרעגן קיין ווארט,
א מיידל אין ווייסן וועט זיצן אין גראז:
זי׳ט שמייכלען צו דיר — איז שמייכל צו איר,
און לייג־צו דיין מיטלסטן פינגער צום נאז״.

איך לייען און לייען, אין הארצן מיר קלאפט:
ווער האט דאס בריוול געלייגט באם מאשין —
„א מיידל אין גראז, א פינגער צום נאז״ —
נעמט עס מיך טאקע ציען אהין...

דער אוונט איז קיל, דער אוונט איז שטיל,
אט איז דער קלויסטער, די שטאטישע באר,
איך גיי און איך גיי — פון בריוול געפירט,
ביז קוים שוין דערלעבט דעם שטאטישן סאד.

עס זיצט טאקע א מיידל אין ווייסן געקליידט,
זי שמייכלט צו מיר, איך שמייכל צו איר.
מיר לייגן־צו ביידע די פינגער צום נאז,
דערנאך מאכט זי: „שוועסטערקע, קום וואו איך פיר״.

ס׳איז פרילינג אין סאד, באבלומט איז דער וועג,
א פייגעלע זינגט און באגלייט אונז די טריט.
די מיידל — זי קוקט אהין און אהער,
ס׳זעט אויס, ווי זי וואלט זיך פאר עפעס געהיט.

בליאונגעו פאלן אף אונזערע קעפ,
און אט איז מען שוין אין יאגערע־טאל.
איך קוק זיך ארום — וואס האב איך דערזען —
פון פאבריק אלע מיידלאך, א הונדערט אין צאל.

צווישן די ביימער א ווינטעלע וויית,
איך קוק און איך טראכט: — ווי קומען דא אלע אהער?
וועט עפשער פון ערגעץ באלד קומען א פרינץ
און אויסקלייבן זיך דא די שענסטע פון אלע?

פלוצלונג רופט־אוים דאס מיידל אין ווייסן:
„טייערע שוועסטער, איר זאָלט זיין געגרייט.
ס'וועט אימיצער ריידן דאָ באַלד פאַר אונז“...
זיינען מיר טאַקע געוואָרן דערפרייט.

ווערט עס אין טאָל שטילער ווי שטיל,
מ'הערט ניט קיין וואָרט, מ'הערט ניט קיין הוסט.
פלוצלונג באַווייזט זיך דער טויבער שטומאַק
ער איז וואו געזעסן הינטער אַ קוסט.

— „דער שטומער וועט ריידן?“ — אין האַרץ טוט אַ קלאַפּ...
אויף צוויי קורצע ביימער איז געלעגן אַ ברעט.
שפּרינגט ער אַרויף און פאַרנויגט זיך פאַר אונז,—
דער טויבער שטומאַק שטעלט זיך און רעדט:

„טייערע שוועסטער, ניט זייט איבערראַשט,
איך וועל אייך איצט ווייזן צו פרייהייט דעם וועג“.
ער רעדט אַזוי שיין אין באַזילבערטער נאַכט,
ער ווייזט אונז דעם וועג צו פריידיקע טעג.

מיר זיינען אויף מאָרגן אַרויס אין אַ סטרייק,
שטום איז געבליבן די גאַנצע פאַבריק.
און דער טייערער כאַוער איז ווידער אַוועק
ווערן אַ שטומער אין אַן אַנדער פאַבריק.

מאַקסים גאָרקי

דער 9טער יאַנואַר

1.

דער האַמוין איז געווען ,ווי אַ האַרבסטיקע, פינצטערע כוואַליע, וואָס דער ערשטער אָנפלי פון שטורעם האָט זי נאָר־וואָס אופגע־וועקט, זי איז פּאַמעלאַך געשוואומען פאָרויס.

מע האָט גערעדט ניט הויך, ערנסט.

— שוין מערער ניט מעגלאַך צו ליידן, אָט פאַרוואָס מע גייט...

— אומזיסט וועט זיך אַן אוילעם ניט לאָזן גיין.

— און „ער“ ווײסט דען ניט פֿאַרשטײן?

דערהויפּט האָט מען גערעדט פֿון „אים“,מ׳האָט אײנער דעם צווײטן אײנגערעדט, אַז „ער“ איז אַ גוטער, אַ האַרציקער און ווײסט פֿאַרשטײן, אַלץ פֿאַרשטײן.

נאָר ס׳האָט זיך געפֿילט, אַז מ׳האָט קײנמאָל וועגן אים ערנסט ניט געטראַכט, און מ׳האָט אַפֿילו ניט גוט פֿאַרשטאַנען צו וואָס מען דאַרף אים, און וואָס קען ער טאָן.

איבערגיסנדיק זיך פֿון אײן גאַס אין דער צווײטער, איז די מאַסע פֿון מענטשן געוואַקסן.

— מיר זײַנען אויך מענטשן...

„ער ווײסט, מיסטאָמע, פֿאַרשטײן, — מיר בעטן...

— כאַווײרים, קײן פֿרײַהײט בעט מען ניט!...

— מע זאָל אונז נאָר צולאָזן...

— כאַפּ ניט, ברודער!

— טרײַבט אים אַוועק, דעם טײוול!.

— פֿאָטער גאָפּאָן ווײסט בעסער, ווי אַזוי!

2.

אַ הויכער מענטש אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ געלער לאַטע אַפֿן פּלײצע איז אַרויף אַף אַ טומבע, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און האָט אָנגעהויבן רעדן הויך, באַגײַסטערט, מיט פֿײַער אין די אויגן און מיט אַ ציטער אין קאָל, גערעדט וועגן „אים“. דער האַמוין האָט זיך אײַנגעהערט — דער מענטש האָט אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע רײד דאָס, וואָס דעם האַמוין האָט זיך געגלוסט.

אַלץ גרעסערער איז געוואָרן דער האַמוין, אין גאַס איז געוואָרן וואַרעמער, און קוילעס האָבן אָנגעהויבן קלינגען מיט אַ שטאַרקער קראַפֿט.

— מיר דאַרפֿן ניט קײן רויטע פֿלאַגן! — האָט געשריען דער מענטש מיטן פֿליך. ער האָט געמאַכט מיט דעם היטל, איז געגאַנגען פֿאַרן האַמוין, און זײַן נאַקעטער שאַרבן האָט טונקל געגלאַנצט, זיך געוויגט פֿאַר די אויגן פֿון מענטשן און צוגעצויגן צו זיך זײער אויפֿמערקזאַמקײט.

— מיר גייען צום טאַטן!...

— אַזוי!

— מיר גלויבן אים!...

— ער'ט ניט דערלאָזן אונז שלעכטס טאָן!...

— רויטער קאָליר — דאָס איז דער קאָליר פון אונזער בלוט, כאַווײרים — האָט געקלונגען איבערן האַמוין אַן איינזאַמער קלינגענ-דיקער קאָל — ניטאָ קיין קראַפט, וואָס זאָל באַפרייען דאָס פאָלק, אויסער דער קראַפט פונם פאָלק אַליין.

3.

אַז דער האַמוין האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון די גאַסן אַפן ברעג טייך, צום טראַיצער בריק, און האָט דערזען פאַר זיך אַ לאַנגע גע-בראָכענע ליניע סאָלדאַטן — האָט דערדאַזיקער גרינער גרויער צוים ניט געקאָנט פאַרהאַלטן דעם אוילעם.

אין די פיגורן פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך דייטלאַך אויס-געטיילט אַפן בלוי-העלן פאָן פונם טייך, איז קיין געפערלאַכס אַזוינס ניט געווען. זיי האָבן אונטערגעטאַנצט, קעדיי צו דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע פיס, געמאַכט מיט די הענט און געשטופּט זיך פאָרויס. אַף יענער זייט טייך, האָבן די מענטשן געזען אַ טונקל הויז, — דאָרט האָט אַף זיי געוואַרט „ער" — דער באַלעבאָס פון הויז.

נאָר פאָרט האָט זיך אַף אַסאַך פּעניםער באַוויזן אַ שאָטן פון צווייפל, און די מענטשן, וואָס פאַרן האַמוין, האָבן אַביסל פאַרהאַלטן זייערע טריט.

אַנדערע האָבן זיך אומגעקוקט אַף צוריק, אַנדערע זיינען אָפּ-געגאַנגען אין אַ זייט, און אַלע האָבן זיך געסטאַרעט אַרויסווייזן איינער פאַרן צווייטן, אַז וועגן די סאָלדאַטן — דאָס ווייסן זיי, אַז דאָס איז פאַר זיי קיין כידעש ניט.

עמיצנס אַ שטים האָט מיטפילנדיק געזאָגט:

— ס'איז קאַלט די סאָלדאַטן!...

— און שטיין דאַרף מען!...

— סאָלדאַטן — ס'זאָל זיין אָרדענונג!

— — רואיק, כעוורע!... אַכטונג!

— גיי, גיי!...

— הורא, סאָלדאַטן! — האָט עמיצער אַ געשריי געטאָן.

אָן אָפיצער, אין געלן באַשליק אַף די אַקסלען, האָט ארויסגעריסן זיין סאַבליע פון שיידל און האָט הויך עפּעס אָנגעהויבן רעדן צום האַמוין, פאָכענדיק אינדערהויך מיטן אויסגעבויגענעם פּאַסיקל שטאָל.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אומבאַוועגלאַך אַקסל צו אַקסל.

— וואָס טוען זיי דאָס? — האָט אַ פרעג געטאָן אַ פרוי. ס'האָט איר קיינער ניט געענטפערט. און אַלעמען איז מיטאַמאָל עפּעס שווער געוואָרן.

— צוריק! — האָט זיך דערטראָגן דער געשריי פון אָפיצער.

עטלאַכע מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט — הינטער זיי איז געשטאַנען אַ געדיכטע מאַסע קערפּערס, אין וועלכע ס'האָט זיך געגאָסן, ווי אַ שטורעם, אַ טונקעלער טייך פון מענטשן. אונטער זייער דראַנג האָט דער האַמוין זיך צענומען און אָנגעפילט דעם פּלאַץ, וואָס פאַרן בריק. עטלאַכע מענטשן זיינען אַרוים פאָרויס, און פאָכענדיק פאַרן בריק. עטלאַכע מענטשן זיינען אַרוים פאָרויס, און פאָכנדיק מיט ווייסע טיכלאַך, זיך געלאָזן צום אָפיצער אַנטקעגן. זיי זיינען געגאַנגען און געשריען:

— מיר גייען צו אונזער מאָנאַרך...

— אינגאַנצן רואיק!...

— צוריק! כ'וועל באַפוילן צו שיסן!..

אַז דעם אָפיצערס ווערטער זיינען אָנגעקומען צום האַמוין, האָט זיך אויפגעהויבן אַ הילכיקער ווידערקאָל פון פאַרוואונדערונג, אַז מען וועט ניט צולאָזן צו אים, וועגן דעם האָבן אַנדערע נאָך פריער גערעדט, נאָר אַז מע זאָל נעמען שיסן אין פאָלק, וואָס גייט צו אים רואיק — דאָס האָט זיך קיינעם ניט געגלויבט.

אַ דאַרער הויכער מאַן מיט אַ הונגעריקן פּאָנעם און שוואַרצע אויגן האָט פלוצלונג אויסגעשריען:

— שיסן? דאָס וועסטו זיך ניט דערוועגן!...

און זיך ווענדענדיק צום האַמוין, האָט ער הויך און בייז פאַר־געזועצט:

— וואָס? כ'האָב געזאָגט — אַז זיי וועלן ניט לאָזן...

— ווער, די סאָלדאַטן?

— ניט די סאָלדאַטן, נאָר—דאָרט...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ערגעץ אינדערוויטן:

— העכער, — די וואָס... אַהאַ? כ'האָב דאָך געזאָגט.

— דאָס קען מען נאָך ניט וויסן...

— מ'וועט זיך דערוויסן נאָך וואָס מיר גייען — וועט מען לאָזן!

און פּלוצלונג האָט זיך אינדערלויפטן עפּעס ניט גלייכמעסיק און טרוקן צעשאָטן, אַ ציטער געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן אינם האַמוין מיט צענדליקער אומגעזעענע בייטשן.

אַף איין רעגע זיינען אַלע שטימען ווי פאַרפרוירען געוואָרן.

די מאַסע האָט פּאַמעלאַך פאַרגעזעצט זיך רוקן פאָרויס.

— מיט פוסטע — האָט עפּעס איינער אַזוי ווי אַ פרעג געטאָן, צי אַ זאָג געטאָן.

נאָר דאָ און דאָרט ערגעץ האָבן זיך געלאָזט הערן קרעכצן, באַ די פּיס פונם האַמוין האָבן זיך אַוועקגעלייגט עטלאַכע קערפּערס, איין פרוי, וואָס האָט הויך געאָיקעט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פאַרן ברוסט און מיט גיכע טריט איז זי אַוועק פאָרויס אַף די באַגנעטן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט איר אַנטקעגן. נאָך איר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך מענטשן און נאָך, אַרומגערינגלט זי, פאַרלאָפן פאַר איר.

און ווידעראַמאָל אַ קנאַל פון אַ זאַלפּ, נאָך אַ העכער און נאָך מער ניט גלייכמעסיק.

מענטשן זיינען געפאַלן צו צוויי, צו דריי, זיך צוגעזעצט צו דער ערד, געכאַפּט זיך פאַר די בייכער, געלאָפן ערגעץ הינקענדיק, געפויזעט איבערן שניי, און אומעטום אַפן שניי האָבן זיך אָנגעצונדן העלע רויטע פלעקן, זיי זיינען זיך צעקראָכן, געריכערט זיך און צוגעצויגן צו זיך די אויגן.... דער האַמוין האָט זיך אַ נעם געטאָן אַף צוריק, אַף אַ רעגע זיך אָפּגעשטעלט, פאַרגליווערט געוואָרן, און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ ווילדער, מוירעדיקער וואָיען פון הונדער-

טער שטימען — געשרייען פון שאַרפן ווייטיק, נעקאָמע, שרעק, פּראָטעסט, פּיינלאַכע פאַרלאָרנקייט און געשרייען נאָך הילף.

אָנבויגנדיק די קעפּ, האָבן מענטשן גרופּעסווייז זיך אַ לאָז געטאָן צונויפנעמען די געהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע.

די פאַרוואונדעטע האָבן הויך געשריען געוואָרנט מיט די קולאַקעס, אַלע פּענימער זיינען פּלוצלונג געוואָרן אַנדערע, און אין אַלע אויגן האָט געגלאַנצט עפּעס אַ מעשוגאַס.

קיין פּאַניק איז ניט געווען, נאָר ס'איז געווען שרעק — אַ קאַלטער, ברענעדיקער, ווי דורכגעפראָרענער אייזן.

אַסאַך האָבן געשריען צו די סאַלדאַטן מיט ווערטער פון פאַרדראָס, זידלעריי און טיינעס און געשראָקן מיט עמיצנס שרעקלאַכן צאָרן.

די סאַלדאַטן זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלאַך, אַראָפּגעלאָזט די ביקסן צו די פיס. די פּענימער זייערע זיינען אויך געווען אומבאַוועגלאַך, די הויט אָף די באַקן שטייף אָנגעצויגן און די באַקביינער שאַרף אַרויסגעשטאַרצט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז בא אַלע סאַלדאַטן זיינען ווייסע אויגן און צונויפגעפראָרענע ליפּן.

— נו, כאַווירים, איר זעט, ווי „ער" באַגעגנט אייך?

— שטיי ... ס'איז אַ טאָעס ... דאָס קאָן דאָך ניט זיין, באַטראַכט זיך נאָר! סיידן ביסט קיין מענטש ניט.

—זייט איר קיין מענטשן ניט, איר זייט שאָף, אַ טשערעדע, און אָט האָט מען אייך ...

— לאָז דורך ... גיי אָפּ ...

— לאָז דורך אַ פאַרוואונדעטן!

צוויי אַרבעטער און אַ פרוי האָבן געפירט דעם הויכן מאָגערן מענטשן; ער איז אינגאַנצן געווען אין שניי. פון די אַרבל פון זיין מאַנטל איז אַראָפּגערונען בלוט, זיין פּאָנעם איז בלוי געוואָרן, נאָכמער פאַרשפּאַרט געוואָרן, און די טונקעלע ליפּן האָבן שוואַך זיך באַוועגט, געשעפּטשעט:

—כ'האָב געזאָגט ... זיי וועלן ניט לאָזן ...

.4

די וואַנט פון סאָלדאַטן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און האָט זיך צעעפנט. טאַנצנדיק און כראַפּענדיק זיינען צווישן זיי דורכגעפאָרן פערד, ס'האָט זיך דערהערט אַ געשריי פונם אַפּיצער, איבער די קעפּ פון אַ רייטער האָבן אַ שווינדל געטאָן, צעשניידנדיק די לופט, שווערדן, און זיך אַ הויב געטאָן אַלע צו איין זייט. דער האַמוין איז געשטאַנען און זיך געשאָקלט, האָט זיך אויפגערעגט און געוואַרט, ניט גלויבנדיק.

ס'איז געוואָרן שטילער.

מאַרש! — האָט זיך געלאָזט הערן אַ ווילדער געשריי.

ווי אַ וויכער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין מענטשישע פּענימער, און האָט זיך אַזוי ווי איבערגעדרייט אונטער זייערע פיס. אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן, שטופּנדיק און אומוואַרפנדיק איינער דעם צווייטן, אוועקוואַרפנדיק די פאַרוואונדעטע, שפּרינגענדיק איבער די הארוגים. דאָס שווערע טופּען פון פערד האָט אַנגעיאָגט, סאָלדטן האָבן געוואָיעט, זייערע פערד זיינען געשפּרונגען איבער די פאַרוואונדעטע, גע-פאַלענע, טויטע, געפינקלט מיט די סאַבליעס. צייטנווייז האָט זיך גע-הערט דער פייף פון שטאָל און אַ קלאַפּ איבער ביין. דאָס געשריי פון די געשלאָגענע האָט זיך צונויפגעגאָרן אין אַ הילכיקן צעצויגענעם קרעכץ.

סאָלדאַטן האָבן פאַרוואָרפן די סאַבליעס און אַראָפּגעלאָזן אַף מענטשישע קעפּ, און נאָכן קאָפּ פלעגן זייערע קערפּערס זיך צובויגן אין אַ זייט. זייערע פּענימער זיינען געוועזן רויטע, אָן אויגן, און ווי גע-שוואָלענע. ס'האָבן געהירזשעט די פערד, שרעקלאַך געשטשירעט די ציין און געוואָרפן מיט די קעפּ.

דאָס פאָלק האָט מען פאַריאָגט אין די גאַסן. און ווי נאָר דאָס טופּען פון די פערד איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער ווייט, האָבן מענטשן זיך אָפּגעשטעלט, שווער געאָטעמט און אַ קוק געטאָן איינער אַפן אַנדערן מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן.

פלוצלונג האָבן פון אַלע זייטן זיך אַ שאָט געטאָן אויסגעשרייען פון פאַרוואונדערונג, שרעק און צאָרן.

— וואָס־זשע הייסט דאָס, ברידערלאַך, האַ?

— אַ האָריגע גייט!

— פאַרוואָס?

— אַט האָסטו אַ רעגירונג!

— מע שניידט. הא? מיט פערד טאַפּטשעט מען...

אַ יונגע שטים האָט ענערגיש אַ רוף געטאָן:

— נאָך די פאַרוואונדעטע! ע׳, קומט צונויפנעמען די פאַר־וואונדעטע!

אַלע האָבן אַ צאַפּל געטאָן, גיך אַ לאָז געטאָן זיך צום אַרויסגאַנג אָפן טייך, און זיי אַנטקעגן אין גאַס אַריין האָבן אַריינגעפּויזעט איבערן שניי און אַריינגעגאַנגען, פאַלנדיק פון די פיס, צעקאַליעטשעטע מענטשן אין בלוט און אין שניי. מע האָט זיי גענומען אַף די הענט, געטראָגן, אָפּגעשטעלט פורלאַך, אַראָפּגעטריבן די פּאַסאַזשירן און ערגעץ אַוועקגעפירט.

אַרום איז געוואָרן שטיל. אַ שטימע אַ טיפע, אַ באַסיקע האָט מיט ווייטיק אויסגעשריען:

— ראַצכים פאַרשאָלטענע!... וואָס האָבן זיי דאָס אָפּגעטאָן?!

די ווירקונג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע

(פון כאַווער לעווינס אַ רעדע)

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן אַ באַוועגונג אין גאַנץ אַזיע. די רעוואָלוציעס אין טערקיי, אין פּערסיע און אין כינע דערוויייזן, אַז דער מעכטיקער אויפשטאַנד פון 1905 יאָר האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך טיפע שפורן און אַז ס׳איז ניט אויסצוואָרצלען זיין ווירקונג, וועלכע ווייזט זיך אַרויס אין דער אַלץ אויפשטייגנדיקער באַוועגונג פון הונדערטער און הונדערטער מיליאָנען מענטשן.

אַף אַן אומדירעקטן אופן האָט די רוסישע רעוואָלוציע געהאַט אַ ווירקונג אויך אַף די לענדער פון אייראָפּע... זי וועט דינען ווי אַ פּראָלאָג, ווי דער אַריינפיר צו דער צוקונפטיקער אייראָפּייאישער רע־וואָלוציע. אָן סאָפק, אַז דידאָזיקע קומענדיקע רעוואָלוציע וועט קאָנען

זיין בלויז אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. דידאָזיקע קינפטיקע רעוואָלוציע וועט אונז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס באַווייזן פון איין זייט, אַז בלויז דורך בירגער־קריג וועט די מענטשהייט זיך באַפרייען פון אונטער דעם קאַפּיטאַלס יאָך. פון דער אַנדערער זייט וועט זי אונז לערנען, אַז בלויז די קלאַסנבאַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער קאָנען אַרויסטרעטן און וועלן אַרויסטרעטן פירער פונם גרעסטן טייל עקספּלואַטירטע.

איציק פעפער

9טער יאַנואַר

אַף רויכיקע ערדן
פון הילכיקע שלאַכטן און רוישיקע נעכט,
היינט גייט מען שוין מער ניט אָן פאָנען, אָן שווערדן,
ווי קנעכט.

היינט גייט שוין ניט קיינער
צו טויערן הויכע מיט שטילן געבעט, —
אַף פעלדער פון וועלפישע טויבע געוויינען
צערוישן זיך שטעט.

היינט גייט שוין ניט קיינער
מיט גלויביקע אויגן צום הימל געווענדט,
און מויערן וואַקסן פון שטאָל און פון שטיינער
פון אונזערע הענט...

אין רוסישן לאַנד זיינען רוישיק די וועגן,
און ברייטער איז רוסישער טאָל,
מיר האָבן די פיינט אַף די פעלדער באַגעגנט
און האָבן פאַר אַלעם באַצאָלט.

צו אַלע אַרבעטער

(אויפרוף פון פעטערבורגער אַרבעטער־קאָמיטעט נאָך דער געשעעניש פון 9טן יאַנואַר)

איר זייט געגאַנגען צום קייסער זיך דערשלאָגן רעכט פאַר זיך,— און ער האָט אייך באַגעגנט מיט אַ שיסעריי פון ביקסן און פון האַר־מאַטן, מיט קלעפּ פון פיקעס און אָנגעשאַרפטע שווערדן פון זיינע ווילדע לייבוועכטער.

איר האָט באַ אים געבעטן ברויט און אַרבעט, און ער האָט אייך מעכאַבעד געווען מיט צעגליטע קוילן... צי האָבן מיר אייך דען ניט געזאָגט, אַז באַם בלוטצאַפּער — צאַר — וועט איר זיך גאָרניט ניט דערשלאָגן, אַז ער איז ניט קיין פריינט, נאָר אַ פיינט פונם פאָלק, און אַז ער האָט ניט אין זינען די נוצן פון פאָלק...

געהאַרגעטע... פאַרוואונדעטע... מ'קאָן זיי אָנציילן אין די הונ־דערטער, טויזנטער...

דידאָזיקע טויטע קערפּערס, וועלכע איר פירט איבער די גאַסן, רופן צו נעקאָמע... שטעלט־זשע זיך איצטער אונטער אונזערע רויטע פאָנען... גייט איבער די גאַסן און שטעלט אומעטום אָפּ די אַרבעט, קעדיי אַלע בירגער ווי איין מענטש זאָלן זיך מיט געווער אין האַנט אויפהויבן קעגן צאַר, קעגן דער רעגירונג. צעטיילט צווישן די סאָלדאַטן אונזערע אויפרופן און פאָדערט פון זיי, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן צו שיסן אַפן פאָלק...

אַראָפּ דער קייסער! אַראָפּ די זעלבסטהערשאַפט!

פעטערבורגער קאָמיטעט.

ה. ד. נאַמבערג

אין סיביר

ס'לויפן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
ס'פייפט און ס'ברומט דער ווינט ;
פון סיביר שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד !

נאָר דער ווינט, ער ברענגט אונז גרוסן
פון דעם קאַלטן לאַנד, —
דאָרטן שטייט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט.

און ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס .
ניט געזאָרגט דאָך, פאַרן ליגן
גראָבט ער קוואָרים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אָפּן פעלד.
זאָרג ניט, קינד מיינס, דיך געבאָרן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן,
שלאָף-זשע, שלאָף אַצינד ;
זאַמל קויכעס פאַר דער צוקונפט,
זאַמל, איינציק קינד . . .

1917

איציק פעפער

אַף דער וואַך

איך בין ניט דער ערשטער און בין ניט דער לעצטער,
ס'וויסן שוין מיילן מיין טראָט און מיין ליד,
באַ טירן צעקלאַפּטע, באַ פענצטער צעזעצטע,
שטיי איך און היט.
דאָ דאַרף איך שטיין,
וואו מ'האָט מיך געשטעלט.
דאָ דאַרף איך היטן
מיין שטאָט און מיין פעלד.

אין דערפער אין טונקעלע, אַף פעלדער פאַרשנייטע,
אַ מאַכנע געגאַנגען, אַ מאַכנע פאַרבליט.
באַ מילן פאַרלאָזטע, באַ וועגן פאַרדרייטע,
שטיי איך און היט.
כ'בין ניט אַליין דאָ
אין שנייאיקער וועלט.
דאָ האָט מיך נעכטן
מיין פירער געשטעלט.

דאָ איז מיין לאַנד, און מיין לאַנד איז מיר טייער,
אַף זוניקע כורוועס מיט יאַטישע טריט,
מעג האָגלען מיט שטיינער, מעג וויכרען מיט פייער —
שטיי איך און היט.
שטאָט איז צעשראָקן,
און פעלד איז פאַרשנייט,
דאָ בין איך שטענדיק,
און דאָ בין איך גרייט!

לידיאַ סייפולינאַ

אָפּגעשאַפּט דעם צאַר

פּאַוועל איז אַריין אין שטוב ווי אַ פאַרשידערטער. אָפן פּאָנעם אַ פאַרלאָרן שמייכעלע, און די אויגן אַזוי ווי באַטרונקענע. ווירקע האָט זיך פאַרוואונדערט. שוין באַלד אַ וידעש, אַז זי לעבט מיט אים איניינעם, און זי האָט אים נאָך קיינמאָל קיין שיקערן ניט געזען. און מענטשן האָבן איר דערציילט: ער טרינקט ניט.

— וואָס איז מיט דיר, פּאַוועל, האָסט באַ עמיצן אויסגעטרונקען, צי וואָס?

— דער עלטסטער האָט פון שטאָט אַזוינע יעדיעס געבראַכט, אַז אַלע פּויערים, וואָס האָבן נאָר דערהערט, גייען אַרום ווי שיקערע. מע האָט אָפּגעשאַפט דעם צאַר.

— אָפּ—גע—שאַפט? וואַרט נאָר, ווי־זשע איז דאָס?

— אינגאַנצן אָפּגעשאַפט, מיר לעבן אינגאַנצן אָן אַ צאַר.

ווירקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער באַנק.

— ביסט גאָר, פּאַוועל, קלוימערשט קיין באַלן ניט צו טרייבן שפּאַס...

— דאָ איז קיין שום שפּאַס ניטאָ. דער עלטסטער האָט פון שטאָט געבראַכט צו פירן אַ פּאַקעט. מע האָט נאָך דער לערערקע אַוועקגע־שיקט, באַלד וועט מען אַף דער פאַרזאַמלונג דערפון לייענען. קיינשום קייסער ניטאָ — איינער האָט זיך אָפּגעוואָרפן, און דער אַנדערער האָט זיך אָפּגעזאָגט, און דו טוסט נאָר אַ קוק — האָט מען זיי שוין אַלע געגעבן דעם וועג.

— און הער נאָר, ווירקע, די פּויערים האָבן זיך דאָך גאָרניט דערשראָקן.

— איך האָב זיך בענעמאָנעס געוואונדערט, האָבן זיך קיין קאָפּ ניט דערשראָקן, זיי האָבן זיך נאָר פאַרוואונדערט: ווי אַזוי איז מען עס טאַקע בייגעקומען דעם צאַר.

— און דער פּאָליציי־עלטסטער? ער וועט זיך באַ אונז אָפּ־שטעלן, האַ?

— און די עלטסטע, אָט־די אונזערע, וועלן פאַרבלייבן די פריער־דיקע ?

— אָט, גיי שוין, גיי! דער עלטסטער איז אַנטלאָפן, און דעם פּאָליציאַנט האָט מען פאַרשפאַרט אין קעלער אַריין.

— דו האָקסט ליגונים... נו, אָט אַ וואונדער, פּאַוועל, ווי אַזוי־זשע איז עס, האַ? וואו איז דאַ ערגעץ מיין טיכל, האַ? ווען וועט מען עס אָנהויבן לייענען אַפן מיטינג ?

אין שול האָט זיך צונויפגעקליבן אַזאַ אוילעם, ווי נאָך קיינמאָל נישט. מע איז געשטאַנען אַף די פענצטער אין פאָרהויז און אינדרויסן אַרום דער שול.

די לערערקע האָט מיט אַ צערודערט־ציטערדיקן קאָל געלייענט:

...האָבן מיר געפונען פאַר רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון דער קרוין פון דער רוסישער מעלוכע...

צום אוילעם האָבן זיך אומקלאָר דערטראָגן נאָר שטיקלאָך ווער־טער. די פויערים האָבן זיך אַ רודער געטאָן.

איינער האָט אויסגעשריען:

— מע הערט ניט... מיר קענען ניט צעקייען. גיב אָפּ אַ מאַנצביל!

און צווישן אוילעם האָט מען אונטערגעכאַפּט:

— זאָל אַ וועלכער־ניט־איז מאַנצביל לייענען.

— היידאַ, ווער פון אונז קאָן איוורע ?

— די סאָלדאַטן, די סאָלדאַטן שיקט פאָרויס. וואו זיינען די סאָלדאַטן ? זיי וועלן שוין דורכקריכן.

— אַ־אַ, זיי זיינען שוין סיי־ווי פאָרויס, וואו דען זאָלן זיי איצט שטיין, אויב ניט פאָרויס ?

— זאָל פּאַשקע סוסלאָוו. ער איז בא אונז אַ שטאַרק געלערנטער.

— פּאַוועל, פּאַוועל! און וואו איז ער ערגעץ, סוסלאָוו ?

— היידאַ. לייען אונז! אָט ערשט וועלן מיר עפּעס הערן, אַ גאָרגל בא אים אַ ברייטער.

פּאַוועל האָט, אויפהויבנדיק די פּלייצעס, מיט אַ שטריינג פּאָנעם גענומען לייענען הויך און דייטלאַך די מאַניפעסטן און ציימונגען, וואָס זיינען פאַרשפּעטיקטערהייט אָנגעקומען קיין אַגיראָווקע. לאַנג

האָט ער געליִיענט. די גאַנצע צייט האָט אין קלאַס געהערשט אַן אָנגעשטריינגטע שטילקייט. ווי אַ פעסטע, שווייגנדיקע וואַנט זײַנען די פויערים און פויערטעס געשטאַנען העכער אַ שאָ צייט. זיי זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אויסערגעוויינלאַך שטיל, רואיק, שמועסנדיק צווישן זיך שטילערהייט.

שווערע ווערטער:

בענעמאַנעס — אַף מיין ווארט.

מאַנצביל — מאַן.

קאַן איווהע — קאַן לייענען.

היידאַ! — נו, לעבעדיקער!

דזשאָן ריד

טעג, וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט

1.

אין יענע טעג זײַנען די קאָמיטעט-צימערן פון די פעטראָגראַדער פאַבריקן געווען פאַרשאָטן מיט געווער.

קוריערן פלעגן קומען און אַוועקגיין. די רויטע גווארדיע האָט געמושטירט. אין אַלע קאַזארמעס האָבן זיך טאָג און נאַכט געפירט אָנגעשטריינגטע דיסקוסיעס. אין אָנהויב נאַכט פלעגט דער אוילעם אין די גאַסן ווערן געדיכטער. ווי אַ פולשטימיקע כוואַליע האָט ער זיך באַוועגט הין-און-צוריק אַפן נעווסקי פראָספעקט און זיך געריסן פאַר — אַ צייטונג.

אין סמאָלנע אינסטיטוט איז באַם אַריינגאַנג און באַ די טויערן געשטאַנען אַ וואַך, האָט געפּאָדערט באַ יעדערן אַ צייגניש. טאָג און נאַכט האָט זיך אין די קאָמיטעט-צימערן אָן אויפהער געטומלט. הונדערטער סאָלדאַטן און אַרבעטער זײַנען געשלאָפן אַפן דיל. דער גרויסער זאַל איז געווען ווי אַ פעסל געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען בייצוזיין אַף די טומלדיקע זיצונגען פון פעטראָגראַדער ראַט.

דעם 25טן אָקטאָבער האָט זיך אַף אַ פאַרנאַכטער זיצונג פון

אויספירקאָם באַהאַנדלט די פראַגע וועגן שאַפן אַ ספּעציעלן קריגס־קאָמיטעט. דעם 30טן אָקטאָבער האָט מען אַף די מיטינגען פון אַלע פּעטראָגראַדער פּאָלקן אָרויסגעטראָגן אַזאַ רעזאָלוציע:

„דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן אָנערקענט ניט מער די צייט־ווייליקע רעגירונג. אונזער רעגירונג איז — דער פּ ע ט ר אָ ג ר אַ ־ ד ע ר ר אַ ט. מיר וועלן זיך אונטערוואַרפן נאָר די באַפעלן, וואָס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן פון רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט".

איבער אַלע דרוקערייען איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז מע זאָל קיין שום פּראָקלאַמאַציעס און קיין אויפרופן ניט דרוקן אָן אַ דערלויבעניש פון דעווקאָם.

באַוואָפנטע קאָמיסאַרן זיינען אַוועק אין אַרסענאַל. פאַרכאַפּט אַסאַך געווער, אַמוניציע.

דעם דריטן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַ פאַרמאַכטע זיצונג פון די באָלשעוויסטישע פירער. לענין האָט געזאָגט:

„דעם 6טן נאָוועמבער אַרויסטרעטן איז צו־פרי. צו אַן אויפ־שטאַנד מוז מען האָבן אַן אַלרוסלענדישן פונדאַמענט, און דעם 6טן וועלן נאָך ניט אַלע דעלעגאַטן האָבן געקומען אַפן צוזאַמענפאָר. און פון דער אַנדערער זייט, וועט דעם 8טן נאָוועמבער שוין זיין צו־שפּעט אַרויסצוטרעטן: צו דער צייט וועט זיך דער צוזאַמענפאָר האָבן אָרגאַניזירט, און אַ גרויסע אָרגאַניזירטע פאַרזאַמלונג וועט זיין שווער אָנצונעמען שנעלע און אַנטשלאָסענע מאַסמיטלען. בלייבט, אַז מיר דאַרפן זיך נעמען פאַר דער אַרבעט דעם 7טן נאָוועמבער — אין דעם טאָג, ווען דער צוזאַמענפאָר וועט זיך עפענען, אַזוי, אַז מיר זאָלן אים קאָנען זאָגן: אָט איז די מאַכט! וואָס ט'איר טאָן מיט איר?"

און אַפן אויבערשטן שטאָק איז אין אַ צימער געזעסן דער רעוואָ־לוציאָנערראַנטאָנאָוו־אָווסייענקאָ, אַ מאַטעמאַטיק און אַ שאַכמאַטיסט, און האָט דייטלך באַארבעט דעם פּלאַן, ווי צו פאַרכאַפּן די הויפּט־שטאָט.

אין סמאָלנער אינסטיטוט אין צימער 8 האָט דער רעווקאָם אַן אויפהער געפירט זיינע זיצונגען. אַלע טעלעפאָנען זיינען געווען איבער־געריסן. דער פאַרקער מיט די פאַבריקן האָט זיך אונטערגעהאַלטן דורך מיליטער־טעלעפאָנען. אַ גרופּע וואָלונטירן האָט געוואַרט

לעבן טיר. איינער פון זיי האָט געזאָגט: „אַ דריק די קנאָפּקע — און אַלע זיינען גרייט אַרויסצוטרעטן“. אונטן אין צימער איז געזעסן סאַראַטאָוו און האָט אונטערגעשריבן אָרדערן אַף געווער פון רעגי־רונגס־אַרסענאַל, צו 150 אַף יעדער פאַבריק. 40 דעלעגאַטן האָבן גע־וואַרט אין ריי.

אין זאַל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אַף באָלשעוויסטישע פירער. איינער פון זיי האָט מיר באַוויזן אַ רעוואָלווער: „ס'האָט זיך אָנגע־הויבן! דער פיינט וויסט — ער דאַרף מיט אונז פאַרענדיקן, אָדער — אַ סאָף צו אים“.

2.

דעם 6טן נאָוועמבער אינדערפרי האָבן די צייטונגען מוידיע געווען, אַז די רעגירונג האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל אַרעסטירן די אָנ־פירער פון מיליטער־ראַט און די מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט.

לעבן גענעראַל־שטאַב זיינען געשטאַנען אַסאַך בראָנעוויקעס און אויטאָמאָבילן געפּאַקט מיט אָפיצערן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין צופאָרן און אָפּפאָרן.

אָפּו ראָג מאַרסקאַיאַ און נעווסקי האָט אַן אָפּטייל סאָלדאַטן, מיט אַרויפגעזעצטע שפּיזן אָפּגעשטעלט אַלע פּריוואַטע אָטאָמאָבילן, אַרויסגעזעצט די פאַרשוינען און אָפּגעשיקט די אָטאָמאָבילן אין ווינ־טער־פּאַלאַץ. אַ גרויסער אוילעם איז געשטאַנען און געקוקט אַף דער אָפּעראַציע. קיינער האָט ניט געוואוסט, צי זיינען די סאָלדאַטן אָנהייג־גער פון דער רעגירונג, צי פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט.

אַ 5—6 מאַטראָסן מיט ביקסן זיינען צוגעגאַנגען אויפגערעגטע צו די סאָלדאַטן און אַריינגעטראָטן מיט צוויי פון זיי אין אונטער־האַנדלונגען. אַף די היטלען פון די מאַטראָסן זיינען געשטאַנען נעמען פון די הויפּט־באָלשעוויסטישע קרייסערן פון באַלטישן פלאָט. איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטאָן:

— „קראָנשטאָט גייט (קראָנשטאָט האָט דעמאָלט געהאַט 25,000 מאַטראָסן, איבערגעגעבענע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן ניט מוירע פאַרן טויט).

אין סמאָלנע האָט דער פּעטראָגראַדער ראַט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אָן אַן איבעררייס. אייניקע פון די דעפּוטאַטן פלעגן אַנט־שלאָפן ווערן אַפן דיל.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער מענשעוויק דאַן האָט געהאַלטן אַ רעדע:

— „די מאַסן זיינען קראַנק. דער אינטערעס צו דער רעוואָלוציע איז אָפּגעשוואַכט. אויב די באָלשעוויקעס וועלן אויפהויבן אַן אויפ־שטאַנד — איז אַ סאָף צו דער רעוואָלוציע“.

אויסגעשרייען: „אַ ליגן! אַ ליגן!

4 אַזייגער פאַרטאָג האָב איך אין זאַל באַגעגנט זאַרינען מיט אַ ביקס אַפן אַקסל: „מיר זיינען שוין אַרויסגעטראָטן“ — האָט ער גע־זאָגט רואיק — מיר האָבן שוין פאַרכאַפּט דעם יוסטיץ־געהילף־מיניס־טער און דעם מיניסטער פאַר רעליגיעזע איניאָנים. זיי זיינען שוין אין קעלער. איין פּאָלק איז אַוועק פאַרנעמען די טעלעפאָן־סטאַנציע, דער צווייטער — דעם טעלעגראַף און דער דריטער — די מעלוכע־באַנק — די רויטע גוואַרדיע איז אַרויסגעטראָטן.

אָף די טרעפּ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די רויטע גוואַר־דיע — אַ קופּע יאַטן אין אַרבעטער־קליידער מיט ביקסן אין די הענט.

פון דערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון שיסן. די יונ־קערס האָבן פאַנאַנדערגענומען די בריקן פון דער נעווע, קעדיי די אַרבעטער פונם וויבאָרגער ראַיאָן זאָלן זיך ניט קאָנען צונויפגיין מיט די סאָלדאַטן. די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן זיי צוריק צונויפ־געשטעלט.

3.

מיטוואָך, 7טן נאָוועמבער, 12 אַזייגער באַטאָג האָט אַ דונער געטאָן אַ האַרמאַט פון פּעטראָפּאַוולער פעסטונג. לעבן מעלוכע־באַנק זיינען געשטאַנען עטלאַכע סאָלדאַטן מיט אָנגעשרויפטע שפּיזן.

— פון וועלכן לאַגער זייט איר? — פון דער ריעגירונג? — האָב איך זיי אַ פרעג געטאָן.

— ניטאָ מער קיין רעגירונג — האָט איינער פון זיי געענטפערט מיט אַ שמייכל — אויס!

באַנאַכט. איבער נעווסקי האָט שפּאַצירט, דוכט זיך, די גאַנצע שטאָט. אין יעדן ווינקל האָבן האַמונים זיך געזאַמלט.

הין און צוריק איבער דער גאַס האָבן זיך געפּאַנצערטע אַטאָ־מאָבילן באַוועגט.

אַף דער גאַס האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ פּאַק צייטונגען, און צו אים האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַ מענטשלאַכע כוואַליע און געריסן דאָס בלעטל איינער באַם אַנדערן. דאָס איז געווען אַ נומער פון „אַרבעטער און סאָלדאַט“, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע באָלשעוויקעס, און האָט גערופן די אַרמיי צו שטיצן די רעוואָלוציע.

אַטאָמאָבילן און מאָטאָציקלעטן האָבן זיך געיאָגט הין און צוריק, אַ ריזיקער גרויער פּאַנצער־אַטאָמאָביל מיט צוויי רויטע פאָנען אַפן טורעמל האָט אַרויסגעפּויזעט, אָן אויפהער יאָמערנדיק מיט זיין פייפער.

ס'איז געווען קאַלט, און די רויטגוואַרדייער באַ די טויערן האָבן אָנגעצונדן אַ שייטער. באַ די צווייטע טויערן האָט מען אויך אַ פייער צעלייגט.

ווען מיר זיינען אַרוים אין דער קאַלטער נאַכט אַריין, האָט דער גאַנצער פּאַסאַד פון סמאָלני פאַרגעשטעלט מיט זיך איין ריזיקן גאַראַזש פון צופּאַרנדיקע און אָפּפאָרנדיקע אַטאָמאָבילן. דורך זייער גערויש האָט מען פונדעסטוועגן געקאָנט הערן באַזונדערע לאַנגזאַמע קלעפּ פון האַרמאַטן.

אַ גרויסער מאַסע־אַטאָ איז געשטאַנען דאָ־דערביי, אינגאַנצן ציטערנדיק פון דער אַרבעט פון זיין מאָטאָר. מענטשן האָבן געוואָרפן עפּעס בינטלאַך, און אַנדערע אַפן אַטאָמאָביל האָבן זיי אויפגעכאַפּט, האַלטנדיק אונטער דער זייט ביקסן.

— וואוהין? — האָב איך אויסגעשריען.

— אין שטאָט — האָט אַן אַרבעטער געענטפערט.

מיר האָבן באַוויזן ציינעניישן.

— קומט מיט אונז — האָט מען דעמאָלט איינגעלאַדן — נאָר מע דאַרף זיך ריכטן אַף אַ שיסעריי.

מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אַפן אַטאָמאָביל.

דער שווערער אָטאַ האָט אַ ציטער געטאָן אַף פאָרוים. מיר זיינען אַלע אַ פאַל געטאָן אַף יענע, וואָס האָבן ערשט אַרויפגעקלעטערט.

איינער פון די, וואָס אַפן אָטאַ, האָט אַראָפגעריסן דעם איינפאַק פון איינעם אַ בינטל און גענומען ווארפן הויפנס ציימונגען אינדער-לופטן. מיר האָבן אים נאָכגעטאָן, און אַזוי האָבן מיר זיך געיאָגט אי-בער די פינצטערע גאַסן, און אַ לאַנגער עק פון ווייסע פאַפירלאַך איז אונז נאָכגעפלויגן.

פאַרשפעטיקטע דורכגייער האָבן זיך אָפגעשטעלט זיי אויפהויבן.

אַטרולן פון אַרום די שייטערס אַף די ראָגן זיינען געלאָפן מיט אוים-געשטרעקטע הענט זיי אונטערכאַפן.

עטלאָכע מאָל זיינען באַוואָפנטע מענטשן אונז דעם וועג פאַרלאָפן מיט קוילעס: „שטיי!“ — און די ביקסן אויפגעהויבן. אונזער שאָפער האָט זיי עפעס אַזעלכס אויסגעשריען, און מיר זיינען ווייטער גע-פלויגן.

איך האָב אויפגעהויבן אַן עקזעמפלאַר פון דידאַזיקע פאַפירלאַך און באַם צאַפלענדיקן שיין פון די גאַס-לאַמטערנעס איבערגעלייענט:

„צו די בירגער פון רוסלאַנד!

די צייטווייליקע רעגירונג איז אַראָפּ, די מעלוכע-מאַכט איז אַרי-בער אין די הענט פונם אָרגאַן פון פעטראָגראַדער ראַט פון אַרבע-טערשע און סאָלדאַטישע דעפוטאַטן — צום רעוואָלוציאָנערן קריגס-קאָמיטעט, וואָס שטייט אין שפיץ פון פעטראָגראַדער פראָלעטאַריאַט און גאַרניזאָן“.

די זאַך, וואָס פאַר איר האָט דאָס פאָלק געקעמפט — אַז באַלד זאָל פאָרגעלייגט ווערן אַ דעמאָקראַטישער שאָלעם, דאָס פריצישע אייגנטום אַף ערד זאָל אויפהערן, איבער דער פראָדוקציע זאָל איינ-געשטעלט ווערן אַן אַרבעטער-קאָנטראָל, און אַ ראַטן-רעגירונג זאָל געשאַפן ווערן — אָט די זאַך איז באַוואָרנט.

לעבן זאָל די רעוואָלוציע פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים!

רעוואָלוציאָנערער קריגס-קאָמיטעט פון פעטראָגראַ-
דער ראַט פון סאָלדאַטישע און אַרבעטערשע דעפוטאַטן“.

4.

דער ניצחון.

ס'איז געוואָרן טאָג. די פּיקעטן פון קערענסקיס קאָזאקן האָבן פאַרבונדן אַ שיסעריי מיט די ראַטן־גרופּעס. איבער די וויסטע פעלדער, אין דער קאַלטער רואיקער לופט האָט זיך צעדונערט דער דונער פון שלאַכט. דעם דונער האָבן דערהערט די אַרומבלאָנדזשענדיקע סאָל־דאַטן, מאַטראָסן, אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום קליינע ברענענדיקע שייטערס און געוואַרט. הייסט עס, ס'האָט זיך אָנגע־הויבן. און די אַלע וואַרטנדיקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום שלאַכט־פעלד. די מאַכנעס אַרבעטער אַף די שליאַכן האָבן פאַרגיכערט זייערע טריט.

אַזוי זיינען אַף אַלע פונקטן, וואָס זיינען אַטאַקירט געוואָרן פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אַליין פון זיך געגאַנגען האַמוינים פאַרבי־טערטע מענטשן. קאָמיסאַרן האָבן זיי באַגעגנט און טייקעף געשטעלט אַף פּאָזיציעס אָדער צו אַ געוויסער אַרבעט. דאָס איז געווען זייער שלאַכט, פאַר זייער וועלט. זיי אַליין האָבן זיך קאָמאַנדירן אויסגע־קליבן. אין אַ רעגע איז דער צעשאָטענער, ניט־אָרגאַניזירטער ווילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין איינהייטלאַכן ווילן.

די מאַטראָסן האָבן זיך געשלאָגן ביז צום לעצטן פּאַטראָן און נאָכדעם זיינען זיי געגאַנגען אין אַטאַקע קימאַט מיט הוילע הענט. אַרבעטער, ניט געלערנטע צום שלאַכט, האָבן זיך געוואָרפן אַף די אָנפאַלנדיקע קאָזאקן און פון די פערד זיי געשלעפּט. גרופּעס אָן אַ נאָמען, וואָס האָבן אין דער פינצטער אַרום שלאַכטפעלד געבלאָנ־דזשעט, זיינען פּלוצלונג אַליין אַף דער שיין אַרוים און דעם סוינע פאַר־פּלייצט. די אַרמיי פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט ערשט נעכטן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ צעצויגענעם פראָנט פון אָפּגעריסענע בלאָנדזש־לינגער, האָט זיך מיטאַמאָל אַ רוק געטאָן פאָרויס און זיך אַריינגע־קייקלט אין צאַרסקאָיע, נאָך איידער דער סוינע האָט באַוויזן צעשטערן די אַנדראָטיקע סטאַנציע. איצטער האָבן די קאָמיסאַרן דורך איר צעשיקט צו דער גאַנצער וועלט אַ הימן פון ניצחון.

.5

„מיין פעטראָגראַד!"

איך בין געפאָרן צוריק אין פעטראָגראַד, זיצנדיק פון פאָרנט אַף א מאַסע-אַטאָמאָביל, וואָס איז געווען איבערגעלאָדן מיט רויטגוואַרדייער, אַן אַרבעטער האָט אים געפירט. בּאַ אונז איז ניט געווען קיין קעראָסין, און מיר זיינען געפאָרן אַן פייערן. דער וועג איז געווען פאַרפּאַקט מיט פּראָלעטאַרישע מאַכנעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, און מיט נייע רעזערוון, וואָס זיינען געגאַנגען זיי פאַרבייטן אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. גרויסע אַטאָמאָבילן, אַזעלכע ווי אונזערער, קאַלאָנעס אַרטילעריע, וועגענער פלעגן פלוצלונג אַרויסשווימען אין דער נאַכט אָן פייער, פּונקט ווי מיר. מיר זיינען מעשוגענערוויז געפלויגן פאָרויס, האַסטיק קערעווענדיק רעכטס און לינקס, קעדיי אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס, פאַרטשעפּענדיק פאַר די רעדער, באַליים מיט זידלערייען פון די פוסגייער.

איבערן האָריזאָנט האָבן זיך געשפּרייט די פייערן פון דער הויפּטשטאָט, וואָס איז אַן אַן ערעך שענער בּאַנאַכט, ווי בּאַטאָג. זי האָט אויסגעזען ווי אַ בּאַרג מיט טייערע שטיינער, צעשאָטענע איבער אַ וויסטן טאָל.

דער אַלטער מאַן, דער אַרבעטער, וואָס האָט געפירט די מאַשין, האָט אַנידערגעלייגט אַפן ראַד איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער געוויזן צו דער פונוויטנס שיינענדיקער הויפּשטאָט.

— מיינער! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ברענענדיקן פּאָנעם — אינגאַנצן מיינער איצט! מיין פעטראָגראַד!

שווערע ווערטער:

קוריער — שאַליאַר, „מעסענדזשער".

קאַזאַרמע — זעלנער-באַראַקן, „אַרמאַרי".

אויספּירקאָם — אויספּיר-קאָמיטעט, עקזעקוטיווע.

רעווקאָם — רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.

ניצאַכן — זיג.

פּאַטראָן — קויל פון אַ ביקס אָדער רעוואָלווער.

לייען איבער דאָס גאַנצע בוך „צען טעג, וואָס האָבן אופגערודערט די וועלט" פון דזשאָן ריד.

איציק פעפער

האַנט צו האַנט

האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל,—
אונזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע,
אונזער הימל איז רויכיק און העל.

באַהאַלטן די קעפּ אין די אַקסלען,
באַ אַלעמען דרעמלען די פיס.
אַף פעלדער מיט מענטשן באַוואַקסענע
ליג איך און שיס.

מ'וועט ברייגגען ברויט, וועט מען עסן,
ניט ברייגגען — עסן מיר ניט,
מיר האָבן שוין שלאָפן פאַרגעסן,
מיר האָבן פאַרגעסן זיין מיד.

אונזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע,
אונזער הימל איז רויכיק און העל,—
האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל.

די טריפּאָליער טראַגעדיע

1919טער יאָר. דער פראָנט פונם בירגער-קריג האָט זיך אָנגע-הויבן אַפן ראַנד פון קיעוו. באַזונדערס האָט זיך דער גערανגל צעפלאַ-קערט באַ דער גרענעץ פון טריפּאָליע. די פייערדיקע צונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַף טריפּאָליעס שטרויענע דעכער, האָבן באַשלאָסן דעם גורל פון שלאַכט. זעליאָני איז שנעל אָפּגעטראָטן.

אַף די ברייטע טריפּאָליער גאַסן האָבן זיך די רויטאַרמייער צע-לייגט אַף אָפּרו. מע האָט אָנגעצונדן שייטערס, מע איז געווען שרעק-לאַך מיד פון דער שאָענלאַנגער שלאַכט. האָט מען אָנגעהויבן איינ-צודרימלען.

זעליאָני האָט מער ניט באַדאַרפט. זיינע באַנדיטן האָבן זיך גע-פונען טאָקע אָט-דאָ אין טריפּאָליע, באַהאַלטן אַף די בוידעמס און קעלערס. טריפּאָליער פויערים זיינען געווען שטאַרק אָנגעשטעקט מיט זעליאָנים לאָזונג: „נידער מיט דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור“.

אין אַ ווײַלע, ווען די רויטאַרמייאישע קייט איז געווען צעריסן, האָבן די באַנדיטן מיט ווילדע געשרייען, ווי אַ כוואַליע, זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע זייטן אַף די רויטאַרמייער. יענע האָבן זיך אין שרעק אַ וואָרף געטאָן וועך וואוהין.

בלויז איינצלנע האָבן זיך ניט פאַרלאָרן — די קאָמיוגיסטן. זיי האָבן זיך געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן דער באַנדיטישער כוואַליע, און איינער נאָכן אַנדערן אומגעקומען. די באַנדיטן האָבן זיי מאָמעש אַף שטיקער צעשניטן און אין די ברינעמער געוואָרפן.

אַ טייל איז אָבער דאָך לעבן געבליבן. האָבן זיי זיך געוואָרפן צום דניעפּער — דאָ האָט נאָך געקאָנט זיין אַ רעטונג. פונם ברעג טייך האָבן זיך געטראָגן קוילעס: „אייגענע‘ אייגענע, דער וועג אַזוי פריי.“.

אָבער אָנשטאָט „אייגענע“ האָבן זיי באַגעגנט מיילער פון זעליאָ-נעס קוילנוואָרפער.

* * *

אינדערפרי נאָך דער ווילדער נאַכט אין פינצטערן קעלער האָט מען אַלע געפאַנגענע אַרויסגעפירט אַפן פלאַץ.

— זשידעס, קאָמוניסטן — פינף טריט פאָרויס!

פעסט און פאַרביסן זיינען געבליבן שטיין 50 קאָמיוניסטן טריי זייער רעוואָלוציאָנערער פאָן. מישא ראטמאַנסקי האָט זיך דערשאָסן מיט דער לעצטער קויל, נאַכדעם, ווי אַלע איבעריקע האָט ער אַרויס־געלאָזט קעגן די באַנדיטן. בורשטיין האָט מיט אַ שטילן שמייכל אויפ־גענומען די טויט־שטראָף.

באַנאַכט האָט מען ערגעץ־וואו אַוועקגעפירט די 30 איבעריקע. געפירט האָט מען פון דאָרף צו דאָרף, און אַלץ קלענער איז געוואָרן זייער צאָל.

דאָס לעצטע הייפל — אַכט מאַן — האָט מען געבונדענערהייט אַריינגעטריבן אין דניעפּער.

בלויז איינער — פּאַסטאָווסקי — האָט זיך געראַטעוועט: ער איז געווען אַ גלענצנדיקער שווימער.

פּראַגעס:

1. ווי אַזוי זיינען די „זעליאַנאָוועצעס“ באַפאַלן די רויטאַרמייער?
2. ווי אַזוי האָבן באַגעגנט דעם אָנפאַל די קאָמיוניסטן?
3. וואָס האָבן געטאָן די באַנדיטן מיט די געפאַנגענע?

איציק פעפער

אַלי־בען

א.

אין אַן אַלטן אַאול בײַ אַי־פּעטרי,
ניט ווייט פונעם צאַרטן גורזוף,
האָט נאָך קינדווייז אַלי־בען געקלעטערט
און געפּאַשעט פרעמדע שאָף.
איז אַלי־בען געוואָקסן אין שטויבן,
אין זון, אין בערג און אין קויט;

גענריים פאַר פרעמדע טרויבן,
געזייט פאַר פרעמדע — ברויט.
און פאַרנאַכט, ווען די זון פלעגט זיך זעצן,
ס'פלעגט נאָך דרימלען דער לעצטער פלאַם,
האָט גענומען אַלי־בען זיינע נעצן
און געגאַנגען צום שוואַרצן יאַם.

ב.

האָבן אין אַאולן פאַרשפּרייט זיך קלאַנגען,
גרייטן זיך טאַטערן ווידער צום פּיין.
אינגיכן וועט קומען וורַאַנגעל,
פאַרנעמען שאָף און וויין.
רוישן כוואַליעס, הוידען זיך וועגן,
יעדער טאָג איז גרויזאַם און וויסט,
אַלי־בען ווייסט אין קרים אַלע ברעגן,
אַלי־בען האָט געניטע פיס.
רופט צונויף אַלי־בען אַ זיצונג
אין אַאול לעם צאַרטן גורזוף
— קיינמאָל ניט געבן די פריצים
די בערג און די שאָף.
— קיינמאָל ניט געבן! ניט געבן!
זאָל לעבן דער פאַסטוך אַלי־בען!
אַזוי איז פאַרשריבן.
און אַזוי איז געווען.

ג.

אין סאַמעטענע שאָטנס דרימלען קיפּאַריסן,
און דער יאַם איז טונקל, הוידעט זיך און וואַרט,
ווייסן אַלע טאַטערן, מ'וועט שוין שיסן,
וועלן בערג זיך טרייסלען שוין אַ גאַנצע נאַכט.
אַף דעם באַרג אַי־פּעטרי רוען מידע וואָלקנס,
פונם באַרג אַי־פּעטרי פאַלן שווערע טריט.

ווען אַלי־בען גייט מיט זיינע שטריינגע פאָלקן,
מעגן טאַטערן שלאָפן רואיק ביז גאַנץ פרי.

ד.

גייען וואָלקנס אויף די בערג ווי שטענדיק,
שטילע וואָלקנס, ווי זאַטע שאָף;
האָבן דען בערג אַן ענדע!
האָבן דען וואָלקנס אַ סאָף!
קומען מענטשן, ווייטע, פון צאָפן,
קאַלטע און הייסע, ווי פראָסט.
איז וורַאנגל פון קרים אַנטלאָפן,
בערג און יאָם פאַרלאָזט.

ה.

ניט דער יאָם האָט געוישט און געשטורעמט,
ס׳האָבן טאַטערן אַן אויפרוף געלייענט:
ניטאָ שוין קיין רייכע און אָרימע,
ניטאָ שוין קיין גרויס און קיין קליין.
אַלע ווייגערטנער, סעדער און רינדער,
אַלע הייזער, און בערג און שאָף —
געהערן אויף שטענדיק די קינדער
פון טאַטערשן קליינעם גורזוף.
און אַלץ, וואָס איז נעכטן פאַרבליבן,
האָבן זונען פון דאָרעם פאַרברענט; —
דעם אויפרוף האָט אונטערגעשריבן
סעקפּאַרקאָם אַלי־בען.

שווערע ווערטער:
אאול — אַ דאָרף אין קרים.
אי־פעטרי — אַ נאָמען פון אַ באַרג.
וורַאנגעל — אַ באַרימטער קאָנטערעוואָלוציאָנערער גענעראַל אין
צייט פון בירגער־קריג.
קיפּאַריסן — קיפּאַריס־ביימער, Cypress—
סעקפּאַרקאָם — סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אויפבוי

יאָנטעוו

ס'איז יאָנטעוו היינט,
און איך וועל לאָזן זיך אין אויסגעפּראַוועטע רייען,
עס קושן טריט אָקטאָבערדיקע ערד.
אונז איז געגעבן דאָ
דאָס גרויסע גליק פון בויען,
וואָס ניט יעדער דאָר איז ווערט...
און לויערן פון אומעטום
אַף אונז געפאַרן —
מיר זיינען שוין געפּראַוועט.
זאָל שאַלן היינט און גרענעצן צעשפּאַרן
אונזער הייסער יאָנטעוודיקער רוף!...

פ. ס. ס. ר.

די באַזונדערע ראַטן-רעפּובליקן זיינען פאַראייניקט אין איין „פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליקן" (פ. ס. ר. ר.).

די קאָנסטיטוציע פונם פאַרבאַנד איז באַשטעטיקט געוואָרן דעם 6טן יולי 1923 „ דעריבער איז דער 6 יולי בא אונז א יאָנטעוו.

אין די יאָרן פון בירגער-קריג האָבן אַלע ראַטן-רעפּובליקן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אַף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע, אָנגעשטרענגט זייערע פאַראייניקטע קויכעס קעדיי בייצוקומען די קאָנטער-רעוואָלוציע.

נאָכן ניצאָכן איבער די פיינט האָבן די ראַטן-רעפּובליקן געשאַפן דעם פאַרבאַנד. דער ראַטן-פאַרבאַנד איז א פרייוויליקער. יעדעס פאָלק, וואָס גייט אריין אין אונזער פאַרבאַנד, האָט פולע רעכט אַף זעלבסט-באַשטימונג: וויל דאָס פאָלק, קאָן עס אפילו ארויסטרעטן פון פאַר-

באנד און בילדן אַ זעלבסטשטענדיקע מעלוכע. ניט אַף צוואַנג איז גע־בויט אונזער פעלקער־פאַרבאַנד. מיר גיבן יעדן פאָלק די מעגלאַכקייט פון פרייער אַנטוויקלונג.

אינם באַשטאַנד פון פ. ס. ר. ר. גייען אַריין פאָלגנדיקע זעקס רעפובליקן: 1. רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע ראַטן־רעפוב־ליק (ר. ס. פ. ר. ר.), 2. אוקראַינישע סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפובליק (או. ס. ר. ר.), 3. ווייסרוסישע סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפובליק (וו.ס. ר. ר.), 4. טראַנסקאַווקאַזער פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפובליק (ט. ס. פ. ר. ר.), 5. אוזבעקישע סאָציאַליסטישע ראַטן־רע־פובליק און 6. טורקמענישע סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפובליק.

דער העכסטער מאַכט־אָרגאַן פון פ. ס. ר. ר. איז דער אַלפאַרבאַנ־דישער ראַטן־צוזאַמענפאָר.

אינם מעשעך צייט צווישן די צוזאַמענפאָרן געהערט די העכסטע מאַכט אינם ראַטן־פאַרבאַנד דעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט.

אַף דיזעלבע יעסוידעס זיינען געבויט די העכסטע מאַכט־אָרגאַ־נען אין די איינצלנע רעפובליקן.

ווי אַזוי איז געבויט די סאָוועטן־מאַכט

די סאָוועטן־מאַכט איז געבויט אַזוי, אַז די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פאַרוואַלטעט מיט דער מעלוכע.

אין יעדן דאָרף, שטעטל, שטאָט און אַנדערע אישואווים ווערן אויסגעוויילט דעלעגאַטן אין די סאָוועטן: אין די דערפער צו איינעם אַף יעדע הונדערט איינוואוינער, אין די שטעט צו איינעם אַף יעדע טויזנט איינוואוינער. די דעלעגאַטן ווערן אויסגעקליבן אַף צוויי יאָר. די דאָרפס־סאָוועטן פון יעדן ראַיאָן שיקן זייערע פאָרשטייער — איי־נעם פון צען דעלעגאַטן — אַפן סאָוועטן צוזאַמענפאָר פון ראַיאָן, וועל־כער קומט פאָר איין מאָל אין צוויי יאָר. דער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר טיילט אויס פון זיך אַן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער איז דער מאַכט־אָרגאַן אינם גאַנצן ראַיאָן ביזן צווייטן צוזאַמענפאָר, און פירט אָן מיט אַלע אָרטיקע איניאָנים פונם ראַיאָן.

דער ראיאָן-צוזאַמענפאָר (טיילט אוים דעלעגאַטן אַפן קרייז-צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, צו איין דעלעגאַט אַף יעדערע טויזנט איינוואוינער. אַפן קרייזישן סאָוועטן-צוזאַמענפאָר שיקן אויך זייערע פאָרשטייער די שטאָט-סאָוועטן, צו איינעם אַף יעדע צוויי הונדערט וויילער. דער קרייז-צוזאַמענפאָר קומט אויך פאָר איינמאָל אין צוויי יאָר און וויילט אוים דעם קרייז-אויספירקאָם. וועלכער איז דער העכסטער מאַכט-אָרגאַן אינם קרייז ביזן צווייטן צוזאַמענפאָר. די קרייז-צוזאַמענפאָרן שיקן זייערע פאָרשטייער אַפן גובערניאַלן סאָוועטן-צוזאַמענפאָר: צו איין דעפּוטאַט אַף יעדע צען טויזנט דאָרפישע וויילער און איינעם אַף יעדע צען טויזנט שטאָטישע וויילער.



ראטן — סאָוועטן. צ. א. ק. — צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט.
ראַטפאַלקאָם — פאָליטישער קאָמיטעט פון סאָוועט.

מ. כאַשטשעוואַצקי

לוניאַל

אין גרויסן קרעמל-זאַל צווישן זיצונג און באַראַטונג.
אַף הויכן שטול. באַדעקט מיט אַ טשעכאַל,
אַ נעגער, מיטן נאָמען לוניאַל.
פון הויכן שטול פון דעם, מיט קרוין באַצירטן,
דאָ האָבן הערשער גרויזאַמע געוועלטיקט איבער לאַנד,
און מיליאָנען קנעכט באַרויבטע און פאַרפירטע
געהאַנגען זיינען אַף דער רוט אין שווערער האַנט.
איצט קומט דאָ ווער אַהער און טראָגט ער האַס,
און מוט און מוירדישער אים ברענט אין די געבליטן,
ער איז אַ כאַווער דאָ, ער איז אַ גאַסט,
ער איז מיט אַלע דאָ באַגלייך פאַרבעטן.
אַף הויכן שטול מיט זויבערן טשעכאַל —
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאַל.

שווערע ווערטער:

מוירדישער — רעוואָלוציאָנערער.

אויפגאַבע:

דערציייל דאָס ליד אין דיינע אייגענע ווערטער.
שרייב וואָס דער טראַז דערציילט.

די רעכט פון די אַרבעטנדיקע

רעכט צו קלייבן און צו ווערן אויסגעקליבן אין די ראַטן האָבן אַלע בירגער פון פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, וועלכע זיינען ניט אינגער פון 18 יאָר — סיי מענער, סיי פרויען, אָן אונטערשייד פון נאַציע און גלויבן:

א. אַלע, וואָס פאַרדינען אַף צו לעבן מיט נוצלאַכער אַרבעט און אויך די, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט שטוב-ווירטשאַפט. אַלע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט נוצלאַכער אַרבעט, דאָס זיינען: אַרבעטער, אַנגעשטעלטע, פּויערים,

האַנטוערקער און קליינהענדלער, וואָס עקספּלואַטירן ניט קיין אַרבעטער.

ב. סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי.

ס׳האָבן ניט קיין רעכט אויסצוקלייבן און צו ווערן אויסגעקליבן:

א. מענטשן, וועלכע עקספּלואַטירן אַרבעטער.

ב. מענטשן, וואָס באַקומען זייער האַכנאָסע ניט פון אַרבעט.

ג. פּריוואַטע הענדלער.

ד. גאַלאָכים, ראַבאָנים און דינער פון רעליגיעזע אַנשטאַלטן.

ה. אַמאָליקע פּאָליציאַנטן.

ו. מענטשן, וואָס זיינען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן געזעץ.

אויפגאַבע:

שטעל צוזאַמען אַ טאַבעלע לויטן אייבערשטן מוסטער — פון די רעכט פון די אַרבעטנדיקע און די עקספּלואַטירער אין אַמעריקע.



די געביידע פון אַרבעטער קלוב אין מאָסקווע.

דער פינף־יאָריקער פּלאַן

דער פינפטער אַלפאַרבאַנדישער ראַטנצוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָר־געקומען זומער 1929 יאָר, האָט אָנגענומען דעם פּלאַן פון אַנטוויק־לען די פאָלקסווירטשאַפט. דער פּלאַן איז צונויפגעשטעלט אַף פינף יאָר פון אָקטאָבער 1928 יאָר ביז אָקטאָבער 1933 יאָר.

אין פּלאַן איז פּינקטלאַך אָנגעמערקט, וואו און וואָס מען זאָל בויען פאַר די פינף יאָר. דאָרט איז אויך אָנגעוויזן, וויפל מיטלען און וויפל אַרבעט־קראַפט מ׳וועט באַדאַרפן.

דער פּלאַן מערקט אָן די שוועריקייטן, וועלכע מען וועט טרעפן אַפן וועג פון דער בויאונג. אין פּלאַן ווערט אויך פאָרויסגעזען, ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען דאָס לאַנד אין פינף יאָר אַרום.

דער 5־יאָריקער פּלאַן מערקט אָן אַ גרינטלאַכן איבערבוי פון דעם גאַנצן לאַנד.

פאַר פינף יאָר וועט די אינדוסטריע מאַכן אַ גרויסן שפּאַן פאָר־אויס. אַלע אַלטע פאַבריקן וועלן איבערגעבויט ווערן און פאַרגרעסערן די אויסאַרבעטונג. ס׳וועלן אויסוואַקסן צענדליקער, הונדערטער נייע מעכטיקע פאַבריקן. דידאָזיקע פאַבריקן וועלן אויסגעריכט ווערן מיט די בעסטע מאַשינעס.

פאַר פינף יאָר וועט זיך דאָס לאַנד באַדעקן מיט אַ נעץ עלעק־טרישע דראָטן. ס׳וועט אויסגעבויט ווערן 42 נייע מעכטיקע עלעק־טרישע סטאַנציעס.

איצט באַקומט מען אַרויס יעערלאַך 3 מיליאָן טאָן טשוגון. אין 5 יאָר אַרום וועט מען אַרויסלאָזן 10 מיליאָן טאָן אַ יאָר.

פאַר די פינף יאָר וועט מען פאַרגרעסערן דעם אַרויסבאַקום פון שטיינקוילן פון 35 מיליאָן טאָן ביז 75 מיליאָן טאָן אַ יאָר.

דעם אַרויסבאַקום פון נאַפט וועט מען פאַרגרעסערן אין 2 מאָל.

די אויסאַרבעטונג פון מאַשינעס וועט פאַר די 5 יאָר אויסוואַקסן אין דריי מאָל אַזויפיל ווי איצט.

אָט אַף דידאָזיקע צווייגן פון דער אינדוסטריע לייגט דער 5־יאָריקער פּלאַן אַ באַזונדער אַכט. אָן מעטאַל, אָן הייצונג, אָן מאַשי־נעס, אָן עלעקטריע קאָן אונזער ווירטשאַפט ניט גיין פאָרויס.

פון דער צאַרישער אָרדענונג איז געבליבן אַ שווערע ירושע — דאַלעס און אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס אַרבעטער־לאַנד האָט באַוויזן צו דעריאָגן און אַריבעריאָגן די ווירטשאַפט פון צאַרישן רוסלאַנד.

און איצט דאַרף מען זיך אַ סטאַרע טאָן דעריאָגן און אַריבער־יאָגן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער: אַמעריקע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך.

דער 5־יאָריקער פּלאַן פירט אָף דעם וועג.

דער 5־יאָריקער פּלאַן מערקט אָן אַ גרויסן אויפשטייג ניט בלויז אין דער אינדוסטריע, נאָר אויך אין דער לאַנדווירטשאַפט. די לאַנד־ווירטשאַפט וועט פאַר די פינף יאָר אויסוואַקסן אין 2 מאָל. דאָס אויס־אַרבעטן מאַשינעס פאַר דער לאַנדווירטשאַפט וועט אויסוואַקסן אין 4 מאָל.

ס'וועט זיך הויבן די גערעטעניש אָף טוואָרע. ס'וועט ניט זיין מער קיין דויכעק אין ברויט. אין אַ 2—3 יאָר אַרום וועלן מיר אַפילע שוין ווידער קענען אַרויספירן ברויט קיין אויסלאַנד.

ברייט וועט זיך אַנטוויקלען די קאָאָפּעראַציע אין שטאָט און אין דאָרף. ס'וועלן אויסוואַקסן נייע שולן, יאַסלעס, קלובן, שפּיטאָלן.

ס'וועט זיך אויפהויבן די שריפטקענעוודיקייט פון דער באַפעל־קערונג. קיין איין ניט־שריפטקענעוודיקער וועט ניט בלייבן צווישן די אַרבעטער.

די אַרבעטער־אַרמיי וועט זיך פאַרגרעסערן אָף 4 מיליאָן מאַן.

ס'וועט זיך הויבן דער אַרבעטלוין. ס'וועט קלענער ווערן די אַרבעטלאָזיקייט. אַלע אַרבעטער וועלן אַריבערגעפירט ווערן אָף אַ 7־שאָיקן אַרבעט־טאָג.

מירן צוגיין האַרט צו דעם איבערבוי פון אונזער גאַנצן לעבן אָף נייע יעסוידעס. מירן זיך דערנעענטערן צום סאָציאַליזם.

אָט אָף וואָס פאַר אַ וועג עס פירט דער 5־יאָריקער פּלאַן!

פ ר אַ ג ע ס:

1. ווער קאַנטראַלירט די פאָלקווירטשאַפט דאַ אין אַמעריקע?

2. איז פאַראַן אַן אויסגעאַרבעטער פּלאַן פאַר דער אינדוסטריע און דער אַגריקולטור אין אַ קאַפּיטאַליסטש לאַנד?

3. געפין אויס, וואָס עס זיינען די סיבעס פון קריזיסן און ווי אַזוי זיי קענען פאַרמיטן ווערן.

דאָוויד האָפּשטיין

דאָס ליד פון אַרבעטער

כ׳בין געבאָרן אין פאַבריק
באַ דער אַרבעט!
כ׳שפּין מיר אוים מיין אייגן גליק
באַ דער אַרבעט.

פליען רעדער דאַ און דאָרט,
רוישן רעדער.
זינג איך מונטער, זינג איך פאָרט
פּראָסטע לידער.

און מיין וואַרשטאַט — נאָר ער קלאַפּט,
נאָר ער ציטערט,
האַקט דעם טאַקט פון לידער אָפּ,
און דעם ריטם.
איך און וואַרשטאַט — איין געמיט,
ניט צעשיידטע,
זינגען ביידע מיר אַ ליד,
זינגען ביידע.

עמעס, אָרים איז דאָס ליד
און באַשיידן,
ביידע זינגען מיר דאָס ליד
פאַר אונז בדיייִדן.
נאָר דערפאַר פאַרפולט מיין ליד
עמעס האַרבער:
כ׳האָב געגליט עס און געשמידט
באַ דער אַרבעט.

פראַגע:
וואָלט אַן אַרבעטער פון פאַרדם פאַבריק געזונגען אַזאַ ליד?

לאָקאָמאָטיוו נומער 100

אפן פאַבריק האָט זיך געפילט עפּעס אַ באַזונדערע, ניט קיין געוויינלאַכע שטימונג. ס'איז, דאַכט זיך, יאָנטעוו, ניט קיין אַרבעט-טאָג, און בלויע בלוזעס פון אַרבעטער שווינדלען אין די וואַרשטאַטן און אפן הויף. פון די פאַרברויניטע פּענימער, באַדעקטע מיט סאַזשע און מיט שוויים, שלאָגט אַ פרייד, גלייך ווי דער פרילינג-פרימאָרגן וואָלט געבראַכט מיט זיך אַן אומגעריכטן גליק.

די זון האָט געבלענדט די אויגן. אַ לייכט ווינטל האָט געשאָקלט די שפּיצן פון די ביימער פונם דערבייאיקן פּאַרק און פריילאַך אונטערגיאָגט די ברוינע קנוילן רויך פון די פאַבריק-קוימענס.

ווייטער אַביסל, דאָרט, וואו די שטאָלענע, גלאַנציקע רעלסן האָבן דורכגעשניטן די גרינס פון פעלד, האָט מען געקאָנט זען אַ באַזונדערע לעבעדיקייט.

אַף די רעלסן איז געשטאַנען אַ נייער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אַף דער זון געשיינט מיט פרישע פאַרבן, מיט קופּערנע און שטאָלענע טיילן.

פון קוימען האָט געשלאָגן אַ בלויער רויך.

פון פאָרנט, פון הינטן און פון די זייטן פון לאָקאָמאָטיוו האָט זיך דייטלאַך געזען אַ גרויסע אויסגעמאָלטע ציפער 100.

די מעטאַלורגישע פאַבריק, וועלכע מע האָט ניט לאַנג געלאָזט אין גאַנג נאָך אַן איבעררייס, האָט שוין אַרויסגעלאָזט דעם הונדערטסטן לאָקאָמאָטיוו.

וועגן דעם האָט געוואוסט די גאַנצע באַפעלקערונג פונם אַרבעטער-שטעטל און איז איצט צוזאַמען מיט די טאַטעס, מיט די מאַמעס, מיט ווייב און קינדער געקומען אפן גרויסן יאָנטעוו פון אַרבעט.

דער גאַנצער הויף פון פאַבריק איז פול.

אַלע האָבן זיך צונויפגעשטופּט אַרום לאָקאָמאָטיוו, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז די ציפער 100 שפּיגלט זיך אַף בא יעדערן אין די אויגן.

— כאַווירים, מענטשן טייערינקע, לאָזט אַ קוק טאָן אַף אים...

מע זאָגט — דער הונדערטסטער נומער. מיין מאַן און מיינע צוויי זין אַרבעטן דאָך אַף דער פאַבריק.

און די אַלטיטשקע האָט זיך דורכגעשטופּט צום לאָקאָמאָטיוו. דער אוילעם קוקט אַף איר און שמייכלט.

איינער פון די כאַווירים איז אַרויפגעקראָכן אַפן לאָקאָמאָטיוו און אויסגעשטרעקט די האַנט.

— שאַ, שטילער, מע וועט באַלד האַלטן אַ רעדע.

מ'ע מאַכט מיט די היטלען. דער פאַרזיצער פון קאָמיטעט קוקט אַפן אוילעם, דעקט אַפּ דעם פּליך און הויבט אָן:

— מיט צוויי יאָר צוריק, כאַווירים, זיינען מיר געוואָרן די באַלע־באַטים פון זאַוואָד. ניט גרינג האָט זיך אונז איינגעגעבן אָוועקשטעלן די אַרבעט.

דערמאָנט זיך, וויפל שוועריקייט האָבן מיר געהאַט. און איצט לאָזן מיר אַרוים דעם הונדערטסטן לאָקאָמאָטיוו. מיר האָבן געזיגט.

דער ווינט בלאָזט פאַנאַנדער דאָס העמדל פונם רעדנער, כאַפּט אים אַרום מיט שטראָמען פאַרע און רויך, גלייך ווי ער וואָלט אים באַ־גייסטערט צו פאַרזעצן זיין רעדע.

— מאָרגן הויבן מיר אָן דעם 101טן לאָקאָמאָטיוו.

אַרבעט שטייט נאָך פאַר אַסאַך...

די פּענימער פון די אַרבעטער זיינען אָנגעשטרענגט, אויפמערק־זאַם. און יעדערער פילט, ווי עס וואַקסן אין אים, פּונקט ווי אין אָט־דעם נאָענטן, אייגענעם לאָקאָמאָטיוו, פרישע קרעפטן אַף נייער אַרבעט.

דער לעצטער פייף.

דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון די רעלסן.

ס'האָבן אַ ציטער געטאָן די טיילן פון לאָקאָמאָטיוו, די רעדער האָבן אַ ריר געטאָן, און דער לאָקאָמאָטיוו איז אַוועק.

אַ הילכיקער „הוראַ“. און גלייך נאָך דעם — מעכטיקע קלאַנגען פונם „אינטערנאַציאָנאַל“.

אַרבעטער שוץ

די סאָוועטנמאַכט האָט אַרויסגעגעבן ספּעציעלע געזעצן, וואָס פאַרהיטן דאָס געזונט פונם יונגן פּראָלעטאַרישן דאָר.

יונגע אַרבעטער ביז 18 יאָר ווערן ניט דערלאָזן אין אַ גאַנצער צאָל פּראָפעסיעס און אַרבעטן, וואָס זיינען שעדלאַך פאַרן געזונט.

פון 16 יאָר ביז 18 יאָר אַרבעט די יוגנט נאָר 6 שאָ.

ביז 16 יאָר — ניט מער ווי פיר שאָ.

געהאַלט באַקומט די יוגנט ניט ווי פאַר 6 אָדער 4 שאָ אַרבעט, נאָר ווי פאַר אַ גאַנצן אַרבעט-טאָג.

פאַר דער יוגנט איז איינגעשטעלט אַ לענגערע וואַקאַציע ווי פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער.

באַם איינאָרדענען אַרבעטער אין אַ סאַנאַטאָריע אָדער אין אַן אָפּרו-הויז שטייט די יוגנט אַפן ערשטן אָרט.

בעשאַס אַ פאַרקירצונג ווערן די יונגע אַרבעטער פאַרקירצט נאָר אין סאַמע לעצטן פאַל.

אַרבעטשוץ פאַר פרויען

די סאָוועטישע געזעצן פאַרבאָטן צו אויסנוצן אַרבעט פון פרויען אין אַזעלכע פּראָדוקציעס, וואו ס'איז באַזונדערס שווער און שעדלאַך פאַרן געזונט.

שוואַנגערע פרויען-אַרבעטערנס באַקומען אוירלויב 2 כאָדאָשים ביז און 2 כאָדאָשים נאָכן געלעגן ווערן.

דער זיבנשאָעדיקער אַרבעט-טאָג.

צום צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון פ. ס. ס. ר. באַשטימט:

פאַרזיכערן פאַר די פאַבריק-אַרבעטער אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע יאָרן דעם אַריבערגאַנג פון אַכטשאָעדיקן אַרבעט-טאָג אַף אַ זיבנשאָעדיקן אַרבעט-טאָג, ניט פאַרקלענערנדיק דעם אַרבעט-לוין.

געזאָגט און געטאָן:

אין 1928—29 זיינען אַף אַ 7 שאָעדיקן אַרבעט-טאָג אַריבערגעגאַנגען ביז פיר הונדערט טויזנט אַרבעטער.

דאָס איז אַ פינפטכײַלעק פון אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע.

אין מעשעך פון פינף יאָר איז באַשטימט געוואָרן אַריבערצופירן אַף 7 שאָ די גאַנצע אינדוסטריע.

באַ שווערע און געפערלאַכע אַרבעט מען שוין איצט 5 און 6 שאָ אַ טאָג.

פראַגעס:

1. פאַרוואָס גיבן אַפּ די סאָוועטישע געזעצן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט־שוץ פון יוגנט?

2. וואָס איז די לאַגע פונם יוגנטלאַכן אַרבעטער אין אַמעריקע?

אויפגאַבע:

שטעל צוזאַמען אַ טאַבעלע פון דער צאָל יוגנטלאַכע אַרבעטער אין די פאַרייניקטע שטאַטן, זייערע סכירעס, זייער אַרבעטטאָג און אַז. וו.

אין אַ פויערים־הויז, אין מאָסקווע.

טעווליאַנטאַ

אין האַרבסט 1926טן יאָר איז דער טשוקטשע טעווליאַנטאַ אָנגעקומען אין אַרבפּאַק פאַר די צאָפן-פעלקער. געקומען איז ער פון די קאַלטע ברעגן באַם בערינג-יאַם, פון די געפרוירענע טונדרעס אַפן טשוקאָטער האַלב-אינפל. דאָרט איז אַ פּאָלאַר-נאַכט און אייביקע קעלטן. דאָרט איז די היים זיינע — דער געגנט אַנאַדיר.

דאָס פּאַפּירל האָט ער באַקומען באַ די רוסן אינם אַנאַדירער רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. דידאָזיקע רוסן זיינען גאָרניט אַזוינע שרעקלאַכע און בייזע, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט לויט די מייסעס, וואָס די אַלטע לייט פון זיין שייוועט פלעגן דערציילן. זיי שלאָגן ניט, נעמען ניט צו דאָס געפאַנג, צווינגען ניט אַרבעטן אָף זיך, טשעפּען קיינעם ניט. זיי האָבן אים געדריקט די האַנט, געבעטן זיך זעצן. עפּעס האָבן זיי אַ לאַנגע צייט געקלאַפּט מיט די פינגער אָף אַן אייזערנער מאַשין און דערנאָך אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּירל, וואָס האָט אַזוי גוט אים געדינט אין ווייטן וועג, ביז ער האָט זיך דערקליבן פאַר צען טויזנט מייל אין שטאָט, וואו עס געפינט זיך דער אַרבפּאַק פאַר די צאָפן-פעלקער. די רוסן האָבן אים אויך באַזאָרגט מיט געלט, — ניט גלאַט געלט, נאָר אַ גאַנצן פאַרמעגן האָבן זיי אים מיטגעגעבן — 75 רובל. דערנאָך האָט מען אים געשיקט קיין רוסלאַנד, אָף אַ שרעקלאַכער אייזערנער מאַש ין, וואָס מאַכט אָן אַ כמאַרע און אַ רויך און לויפט גיכער פון די בעסטע אַנאַדירער שליטוואַגנס.

פאַר די פאָר כאַדאָשים זיינע, וואָס ער איז אָפּגעוועזן אין אַרבפּאַק, האָט ער באַוויזן זיך אויסלערנען לייענען רוס־ש און אַפילע שרייבן אַביסל. ער גלויבט זיך אַליין ניט, און וועלנדיק זיך נאָכאַמאָל איבערצייגן אין דעם, שרייבט ער אַלעמאָל פלייסיק דעם נאָמען זיינעם אָף אַ שטיקל פּאַפּיר. דער שמייכל גייט אים קיינמאָל ניט אַראָפּ פונם פּאָנעם. אַ שמייכלענדיקער איז ער געקומען אַהער פון אַנאַדיר, אַ שמייכלענדיקער לערנט ער זיך און אַזוי וועט ער זיך אַהיים אומקערן, אַז ער וועט ענדיקן דעם קורס. ער וועט האָבן צו דערציילן אינדערהיים וועגן דעם וואונדערלאַכן לאַנד און די וואונדערלאַכע

מענטשן, וואָס גיבן אים גוט עסן, באַקליידן און באַשוכן אים, לערנען אים און צווינגען אים ניט אַרבעטן אַף זיך.

אַ, ער ווייסט שוין איצט גוט, ווער אַזוינער איז לענין, און אין די טונדרעס האָט מען נאָר געוואוסט, אַז לענין איז אַ רוס, אַז „ער האָט אַלץ איבערגעדרייט און געוויזן, ווי אַזוי מע דאַרף לעבן". פריי־לינג וועט ער פאָרן אַהיים, קעדיי צו דערציילן זיינע לייט וועגן רוס־לאַנד, און דערנאָך וועט ער אומבאַדינגט זיך אומקערן צוריק. ער וועט ברענגען מיט זיך פון דאָרט צופירן אַ פולע שטאָט מיט טשוק־טשעס.

די טשוקטשעס דאַרפן זיך לערנען, וואָרים ווער עס סעז ניט ליי־ענען און שרייבן, דעם לעבט זיך שלעכט.

טעווליאַנטאַ האָט מוירע, טאָמער איז ער ניט דער בעסטער און פייאיקסטער צווישן די טשוקטשעס. עפשער וואָלט גלייכער גע־ווען, מע זאָל שיקן אַהער פייאיקערע פון אים, — אָט איז ער שוין דאָ פיר כאַדאָשים און קען נאָך ניט גוט רעדן אַף רוסיש. ס'וועלן זיך געפינען גענוג באַלאָנים אַף זיין אָרט. אַי, איז דאָ גוט. זינט ער לעבט איז ער אויסגעשטאָנען אָן אַ שיר צאָרעס: פריער פונם טאַטן, דערנאָך פון דער שטיפמאָמע, שפּעטער פון די „שלעכטע רוסן" און ענדלאַך, פון די אייגענע טשוקטשיסע סאָנעם — פון הונגער און קעלט. דאָ האָט ער זיך אויסגעוואָרעמט, דעריבער ליגט שטענדיק אַ שמייכל אַף זיין פּאָנעם.

טעווליאַנטאַ וויל זיך וואָס גיכער אויסלערנען רוסיש. ער איז ניט צופרידן מיט זיינע קענטעניש.

— אוי, אַ גראָבע קאָפּ, — בורטשעט ער אַף זיך אַליין און קלאַפּט זיך מיטן פינגער איבערן שטערן.

— זאָג נאָר, טעווליאַנטאַ, ווער האָט דיר פאָרגעגעבן פאָרן זיך לערנען?

— פאַראַן אַזאַ מענטש אין אַנאַדיר, אַ יונגער נאַטשאַלניק, אַ פּאַרטייאישער. אַ וואוילער זייער און אַ צוגעלאָזענער צו די אַרטיקע איינוואוינער. ער וועט אַליין ניט דערעסן און זיך טיילן מיט יענעם אַף דער העלפט. האָט ער מיך גענומען איינרעדן: „פאָר!"

— און די טשוקטשעס האָבן דיך ניט אָפּגערעדט?

— ניין! גאָר אַזוי! פאַרקערט, די טשוקטשעס האָבן מיך נאָך צוגערעדט איך זאָל פאָרן. „פאָר, זאָגן זיי, און טו אַ קוק וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד, דאָס רוסלאַנד, ווּעסטו קומען צוריק און אונז דערציילן".

— און דו ווילסט דאָ ניט בלייבן?

זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע.

— ווען איך בלייב דאָ, וואָלט איך געשטאָרבן. די שטעט און די הייזער אייערע זיינען ווי שטייגן פאַר אַ פעלד־כאַיע! פאַרהאַלט מיך דאָ ניט, ניין! איך וויל אַוועקפאָרן!

דערנאָך האָט טעווליאַנטאָ מיר באַוויזן דאָס פּאַפּירל, וואָס האָט אים געהאָלפן זיך דערקלייבן קיין לענינגראַד. ער האָט אַ זוך געטאָן אין קעשענע און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ צעקנייטשטן פאַרברו־דיקטן בויגן פּאַפּיר. דאָרט איז געווען אָנגעשריבן אַזוי:

אַנאַדירער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט

קאָמטשאַטקע.

„דער בירגער, וואָס ווענדט זיך צו אייך מיט דעמדאָזיקן בריוו — דער טשוקטשע טעווליאַנטאָ פון אַנאַדיר — ווערט קאָמאַנדירט צו באַקומען בילדונג אין די שולן פון סאָוועטן־רוסלאַנד, קעדיי אַז ער וועט זיך אומקערן אין עטלאַכע יאָר אַרום, זאָל ער איינפלאַנצן ביל־דונג צווישן די בירגער פון זיין פאָלק. ער האָט אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבן אין דער אומהיימלאַכער בייזער טונדרע, אין די שווערע לעבנס־באַדינגונגען פונם וויטן פּאָליאַרן צאָפן־לאַנד.

די, וואָס וועלן איבערלייענען דעמדאָזיקן בריוו, בעטן מיר זייער: שטיצט טעווליאַנטאָן מיט וואָס איר קענט נאָר, אויב ער וועט זיך ווענדן צו אייך אין אַ נויט. ער האָט עס גאַנץ ערלאַך פאַר־דינט. ווייל כאָטש ער איז אַן אַלפאַבעט, איז ער דאָך איינער פון די פּייאיקסטע טשוקטשעס אינם אַנאַדירער ראַיאָן.

אויב איר וועט טאָן עפּעס פאַר דעמדאָזיקן בירגער, וועט איר דערמיט העלפן אונזער רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט צו מאַכן די ערשטע שריט אין פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן די וואַנדערנ־

דיקע איינוואוינער פון אונזער עקסטן צאָפן־געגענט. ס׳איז שוין ערעוו דעם צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און זיי פארמאגן נאָך ניט קיין איין מענטשן, וואָס קען לייענען און שרייבן.

דער אנאָדירער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט. זארגנדיק זיך פאר כ. טעוויליאנטאָ, בעט יעדן איינציקן, וועמען עס וועט אויסקומען צו לייענען אָט־דעם בריוו, ער זאָל זיך דערפרעגן בא אים וועגן זיינע נויטן און אונז טעלעגראפירן, אויב ער וועט בעטן און אויב ס׳וועט זיין נויטיק, לויטן אדרעס: „אנאָדיר, רעווקאָם״, אָנווייזנדיק וואוהין און וועמען צו ענטפערן״.

ש ווער ע ווערטער:

טשוקטשעס — א נאָמען פון א פאלק, וואָס וואוינט אין וויטן צאָפן (נארט) פון רוסלאנד. זיי לעבן אזוי ווי די עסקימאָסן.

ארבפאק — ארבעטער־פאקולטעט, א עכערע שול פאר ארבעטער, וואָס די סאָוועטן־מאכט האָט ארגאניזירט. 64

אנאדירע — א נאָען פון א געגנט אין וויטן צאָפן פון רוסלאנד.

טונדרעס — האלב־געפרארענע בלאָטיקע פעלדער פון וויטן צאָפן.

די טשוקטשער פירן א וואנדער־לעבן אין די טונדרעס.

א נאטשאלניק — א באאמטער.

אנאלפאבעט — איינער, וואָס קאָן ניט לייענען און שרייבן.

רעווקאָם — רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.

א ר ב ע ט :

1. דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פון אנאדיר האָט געשיקט טעוויליאנטאָן קיין מסקווע אין ארבפאק — נאָך וואָס?

2. פארוואָס איז טעוויליאנטאָ אויסגעקליבן געוואָרן פון צווישן אלע אנדערע טשוקטשעס?

3. פארוואָס האָט דער רעווקאָם געשיקט מיט טעוויליאנטאָן א בריוו?

4. וואָס האָט טעוויליאנטאָ געדארפט אויפטאָן צווישן זיין שייוועט. נאכדעם ווי ער וועט זיך אויסלערנען?

5. וואָס טוט די סאָוועטן־מאכט פאר די אָפגעשטאנענע פעלקער?

6. ווער זיינען דאָס געווען די „בייזע רוסן״, וועגן וועלכע די טשוקטשעס האָבן פריער געוואוסט?

ראָכל האַלטמאַן

סאָוועטישע טורמעס

שוין דער צוגאַנג אַליין דערמאָנט גיכער אָן אַ גרויסער פאַבריק, ניט אַ טורמע.

ניטאָ די גרויסע שטיינערנע ווענט, וואָס רינגלען אַרום אַ טורמע געוויינלאַך. דאָס אַלץ האָט מען אָראָפּגענומען, און אַנשטאָט דעם האָט מען געמאַכט אַ נידעריקן הילצערנעם צאַם, ווי אַרום אַ גאָרטן.

אין אַ גאָרטן דערמאָנט אויך דער הויף, וואָס פאַרמאָגט אַסאַך גראָזן אוןביימער.

אַ גרויסער צימער אַנגעשטעלט מיט וועב־מאַשינען. דאָ שטייען אַרבעטער אין בלויע בלוזעס און פּאַסן־אויף אַף די פעדים. וואָלט מען ניט געוואוסט, אַז דאָ שטייען פאַר דער מאַשין פאַרברעכער, און שווערע פאַרברעכער, ווייל אין יענער טורמע נימט מען אַריין בלויז אַזעלכע, וואָס זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן אַף ניט ווייניקער ווי 10 יאָר, — וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דאָס זיינען אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אַף זייערע זיבן אָדער אַכט שטונדן אַ טאָג און גייען זיך אַוועק אַהיים יעדן אָוונט.

עס באַמערקט זיך ניט קיין אַנשטריינגיקייט אָדער פאַרביטערט־קייט אַף די פּענימער. די אַרעסטאַנטן באַוועגן זיך פריי און אומגע־צוואונגען.

איינער זיצט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט ווי צו באַגיין זיך מיט מעלוכע־געלט. ער האָט געדאַרפט זיצן צען יאָר, נאָר צוליב דעם צען־יאָריקן יובילײ פון דער רעוואָלוציע האָט מען אים פאַר־קירצט דעם טערמין אַף בלויז פיר יאָר. איצט איז דאָס זיין לעצטער מאָנאַט פון טורמע.

יעדער אַרבעטער דאָ, צי אַ וועבער, צי אַ שלאָסער, צי אַ טאָקער, קריגט פופציק פּראָצענט פון דעם, וואָס אַן אַרבעטער פון זיין פאַך קריגט אַף דער פריי. אויב אַן אַרבעטער אַף דער פריי קריגט 100 רובל אַ כוידעש, קריגט אַן אַרבעטער אין דער טורמע פופציק רובל. פון דעם געלט באַקומט ער פאַר זיך אַף צו קליידן זיך, אַף אונטערשטיצן די אייגענע פאַמיליע, און אַ טייל ווערט אָוועקגעלייגט פאַר דער

צייט, ווען דער אַרעסטאַנט גייט אַרויס אַף דער פריי און וויל אָנפאַנגען אַ נייַ לעבן.

אַ פויער איז אָפּגעזעסן אין טורמע פינף יאָר צייט און ווען ער איז לעצטן מאָנאַט אַרויס, האָט ער מיט זיך געקראָגן זיינע 700 רובל אָפּגעשפּאָרטע געלט פון די לעצטע פינף יאָר צייט.

וואָס טוט מען אין פאַל, ווען די אַרעסטאַנטן זאָגן זיך אָפּ צו אַרבעטן?

קיין געצוואונגענע אַרבעט איז ניטאָ. וויל ער ניט אַרבעטן, זוכט מען אויס די אורזאַך דערפון. מ'רופט אַ קאָנסיליום פון דאָקטוירים, מען אונטערזוכט דעם צושטאַנד פון דעמדאָזיקן אַרעסטאַנט. מען רעדט מיט אים מיט גוטן, מ'לאָזט אים פאַר אַ ווײַלע צורו, ביז וואַנען ער הויבט אָן פאַרשטיין, אַז קיין בעסער זאַך ווי אַרבעטן איז ניטאָ, ווייל ווען ער אַרבעט, פאַרדינט ער געלט, האָט אַ מעגלאַכקייט צו פאַרקירצן זיין טערמין און האָט נאָך אַ געלעגנהייט אַמאָל צו פאָרן אַהיים, וואָס איז גאָר ניט זעלטן מיט אַזעלכע אַרעסטירטע.

ווען אַזעלכע אַרעסטאַנטן אַרבעטן אַפּ אַ פּאָר יאָר און זיי פירן זיך אויף גוט, דאַן האָבן זיי די בעסטע שאַנסן צו גיין אַהיים. מ'גיט זיי דעמאָלט מיט אַ צייגעניש, אַז זיי זיינען גוטע באַלמעלאָכעס, און אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען גיט מען זיי די געלעגנהייט צו קריגן אַרבעט.

אין ביבליאָטעק־צימער פון אַ סאָוועטישער טורמע.

איציק פעפער

דנעפּערבוי

איבער אַלע ברעגן אין אַ טאָג אַ העלן
וועט מען סטויפּעס לאַנגע אומעטום צעשטעלן.

איבער אַלע פּוסטע אומרואיקע לענגען
וועט מען דראָטן דינע אומעטום צעהיינגען.

און אַהין, וואו כאַטקעס אומעטיקע זינקען,
וועט דער טייך צעשיקן טויזנטער פּונקען.

און די גרעסטע קויכעס איבער די פאַבריקן
וועט דער אַלטער דניעפּער אומעטום צעשיקן.

איבער אַלע דערפער, שטעטעלאַך און סקווערן,
וועט דער טייך צעשיקן טויזנטער שטערן.

וועלן יענע שטערן זייער ליכט צעגיסן
איבער ווינקלען גרויע מיט צעשיינטע גריסן.

און אַהין, וואו כאַטעס אומעטיקע זינקען,
וועט דער טייך צעשיקן טויזנטער פּונקען.

ש ווע ר ע   ווע ר ט ע ר:

כאַטעס — קליינע, פּויערשע הייזלאַך.

דנעפּערבוי

נאָך אין 1920טן יאָר האָט דער כ. לענין אָרגאַניזירט א גרופּע אינזשענערן פּלאַנירן דעם דנעפּערבוי. צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אָבער איז מען ערשט אין 1926טן יאָר. די בעסטע ספּעציאַליסטן אַר־בעטן דאָרט. די גאַנצע אַרבעט ווערט געפירט מיטן כעשבן, אַז צום ערשטן דעצעמבער 1932טן יאָר זאָל דנעפּערבוי זיין פאַרטיק.

אין דער נאָענטסטער צייט וועט מען איבערן דנעפּער מאַכן א בעטאָן־פאַרצוימונג, דאָס וועט אויפהויבן דאָס וואַסער פון טייך אַף 35 מעטער די הויך און וועט פאַרדעקן די באַרימטע דנעפּער־שוועלן. דעמאָלט וועלן דאָרט קאָנען גיין אַלערליי שיפן.

באַם ברעג דנעפּער, האַרט באַ דער פאַרצוימונג, וועט מען בויען אַן עלעקטרישע סטאַנציע. דאָס וואַסער וועט אַראָפּפאַלן 35 מעטער די הויך און וועט ברענגען אין באַוועגונג די וואַסער־טורבינעס. די סטאַנציע וועט פאַרמאָגן ביז 650 טויזנט פערד־קראַפט.

אַרום דער עלעקטרישער סטאַנציע וועט מען בויען אַסאַך נייע פאַבריקן און זאַוואָדן. דאָרט וועלן באַקומען אַרבעט ביז 60 טויזנט קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָ טוט זיך, ווען די אַלע זאַוואָדן אַרבעטן, ווען קאָרעוו צען טויזנט אַרבעטער בויען די גרעסטע עלעק־טרישע סטאַנציע אין ראַטנפאַרבאַנד, ווען מאַשינעס רוישן און דינאַ־מיט רייסט אויף און דונערט איבערן דנעפּער.

מאַקסים גאָרקי

אין סאָוועטישע קינדער-קאָלאָניעס

לעבן כאַרקאָוו איז פֿאַראַן אַ קינדער-קאָלאָניע אויפֿן נאָמען פון ע. דזשערדזשינסקי. דאָרט זיינען פֿאַראַן בלויז הונדערט אָדער הונדערט און צוואַנציק קינדער. עס איז אַ קינדערשע אַרבעט-קאָלאָניע פֿאַר די קינדער-פֿאַר־ברעכער.

די קינדער וואוינען און אַרבעטן אין אַ ספּעציעל־אויסגעבויטן צוויי-גאָרנדיקן הויז מיט ניינצן פֿענצטער אין דער פֿאָדערשטער וואַנט. אין הויז זיינען איינגע־אָרדנט דריי וואַרשטאַט-צימערן, פֿאַר טאָקערײַ, שלאָ־סערײַ און שוסטערײַ, אויסגעשטאַט מיט די נייסטע מאַשינען און אַ רייכן אויסוואַל פֿון אינסטרומענטן. אויס־געצייכנטע ווענטילאַציע, גרויסע פֿענצטער, אַסאַך ליכט. די קינדער גייען אָנגעטאָן אין באַקוועמע אַרבעט-קליי־דער, די שלאָפֿצימערן זיינען גראַם, מיט גוט בעטגע־וואַנט, וואַנעס, שפּריץ-בעדער. די צימערן פֿאַר קלאַס־לימודים זיינען ריין און ליכטיק; פֿאַראַן אַ זאַל אַף פֿאַר־זאַמלונגען, אַ רייכע ביבליאָטעק, אַסאַך מאַכשירים. או_מעטום איז ריין, אַלץ בלישטשעט.

באַ דער קאָלאָניע איז פֿאַראַן אַ רייך־אויסגעשטאַטער „סאָווכאָז“ (אַ מוסטערהאַפֿטע מעלוכעשע דאָרף-ווירט־שאַפֿט), און זומער אַרבעטן די קינדער אין פֿעלד.

ווייטער איז פֿאַראַן אַ קאָלאָניע אין באַקו פֿאַר פֿינף הונדערט קינדער. זי געפֿינט זיך הינטערן שטאָט, פֿאַר־נעמט צוויי גרויסע געבײַדעס צווישן די זון-געברענטע בערג אַף גרויער, טרוקענער ערד. די קאָלאָניע איז נאָר־וואָס געגרינדעט געוואָרן און האַלט זיך נאָך אין אָרגאַ־ניזירן, אָבער די קינדער כאַלעמען שוין וועגן איינאָרדענען אַ זאַאָלאָגישן גאָרטן. לעבעדיק און פֿלייסיק גייט אָן די אַרבעט פֿון די קליינינקע, פֿאַרברוינטע מענטשן, וואָס

זיינען שטענדיק באַשעפטיקט ווי די מערעשקעס.

אַרום און אַרום האָב איך געזען צוויי טויזנט פינף הונדערט הימלאַזע, און דאָס וועט בלייבן איינער פון מיינע טיפסטע איינדרוקן ביזן סאָף פון מיין לעבן. פון אָט־די מוטיקע, געזונטע קינדער, וואָס זיינען פאַרכאַפּט פון ערנסטער אַרבעט, וועלן זיך זיכער אַנטוויקלען פעס־טע, נוצלאַכע, אייגנאַרטיקע מענטשן.

נאַטור־רייכטימער פון סאָוועטן פאַרבאַנד

דאָס סאָוועטן־לאַנד רעכנט זיך פאַר איינס פון די רייכסטע לענ־דער אין דער וועלט. פאַראַן אַסאַך אַנדערע רייכע לענדער, אָבער דידאָזיקע לענדער האָבן שוין זייערע רייכטימער באַלד אויסגענוצט, און אין סאָוועטן־לאַנד הייבט מען ערשט אָן זיי אויסצונוצן.

אין וואָס באַשטייען די רייכטימער פון לאַנד? — שטיינקוילן, אַרץ (ניט קיין באַאַרבעטער מעטאַל), נאַפט, וואַלד און הונדערטער מיליאָנען אַקער ערד. אויב מע זאָל דידאָזיקע ערד פאַרזייען, קען עס קלעקן פאַר אַ האַלבער וועלט צום עסן.

און וויפל אַנדערע רייכטימער זיינען אין לאַנד פאַראַן? —גאָלד, פלאַטין, מעש, פאַרשיידענע טייערע שטיינער.

ניט אומזיסט זיינען די אויסלענדער מעקאַנע דאָס סאָוועטנלאַנד און קוקן מיט גיריקע אויגן אָף די רייכטימער.

ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט דער קייסער, האָבן די אויס־לענדישע קאַפּיטאַליסטן געהאַלטן די רייכטימער אין זייערע הענט. אין דאָנבאַס און אין אוראַל האָבן די בעסטע פאַבריקן געהערט צו זיי אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. אין באַקו האָבן זיי פאַרכאַפּט די נאַפט. עס האָט שוין געהאַלטן, אַז זיי זאָלן אויך נעמען אין זייערע הענט די וועלדער, פיש־פאַנג און די רייכטימער פון סיביר און טור־קעסטאַן.

איר וועט פרעגן:

— פאַרוואָס האָבן דאָס די אויסלענדער אַזוי גרינג אַלץ גענומען אין זייערע הענט?

דערפאַר, ווייל די צאַרישע מעלוכע האָט ניט געקאָנט ווי עס באַדאַרף צו זיין פירן די באַלעבאַטישקייט פון לאַנד.

אַרץ, שטיינקוילן, נאַפט, וואַלד זיינען אָבער נויטיק געווען אין רוסלאַנד גופע. און אַזוי ווי די צאַרישע רעגירונג האָט אַליין ניט גע־קענט דאָס באַאַרבעטן, האָט זי אַריינגעלאָזט אויסלענדישע קאַפי־טאַליסטן:

— נעמט באַאַרבעט, וואָס איר דאַרפט, און וואַרפט אונז אויך צו אַ ביסן.

און אַזוי האָבן די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן אַלץ גענומען אין זייערע הענט און געלעבט אַ גוטן טאָג.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט די סאָוועטן־רעגירונג פאַר־טריבן אַלע אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, צוזאַמען מיט די רוסישע. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַליין אַלץ גענומען באַאַרבעטן, און די פאַרדינסטן גייען אַף נוצן פאַר דער אַרבעטער־ און פּויערשער מעלוכע.

פרימאַרגן אַף אַ קאָלעקטיווער פאַרם. די אַרבעטער גרייטן זייערע „שטאָלענע פערד".

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל

מיט 77 יאָר צוריק האָבן די גרויסע ערשטע לערער פון אַרבעטער־קלאַס, מאַרקס און ענגעלס, געוואָרפן די מיליאָנען אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט זייער רוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!“ זיי האָבן געגרינדעט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל מיט 60 יאָר צוריק. ער איז נאָך געווען צו־שוואַך און איז אין 1872 צעפאַלן געוואָרן.

אין 1899 האָט זיך געגרינדעט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. אין די יאָרן פון דער וועלט־מילכאָמע האָבן די פירער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ניט גערופן די אַרבעטער פון יעדן לאַנד זיך באַפרײַען מיט זייערע כאַווײרים־אַרבעטער פון דעם צווייטן לאַנד, נאָר זיי האָבן געשטיצט די מילכאָמע, וואו אַרבעטער און פויערים פון איין לאַנד האָבן געשאָסן אין אַרבעטער און פויערים פו אַן אַנדער לאַנד. לענין איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, און האָט געוואָרפן דעם לאָזונג: „אויס מילכאָמע! די אַרבעטער אין יעדן לאַנד האָבן איין סוינע — זייער בורזשואַזיע, די קאַפּיטאַליסטן!“ דאָס זיינען געווען די לאָזונגען פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל.

דער גרינדער פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל איז געווען כאַווער לענין. כ' לענין איז געווען זיין גרעסטער פירער. ער האָט אָנגעצייכנט זיין וועג. ווען לענין איז אַוועק, האָט נאָך אים געטרויערט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט. יעדער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער אַף דער וועלט ווייסט אָבער, אַז לענין איז געווען זיין לערער. און אַז ער האָט באַשאַפן דעם שטאַב פון דער רעוואָלוציע אַף דער גאַנצער וועלט — דעם דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין יעדן לאַנד איז פאַראַן אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַ קאָמוניסטישע יוגנט־ליג. דידאָזיקע באַזונדערע פּאַרטייען זיינען פאַראייניקט אין איין אַלוועלטלאַכער אָרגאַניזאַציע, דעם 3טן אינטערנאַ־

ציאָנאַל, אונטער זיינע פאָנען קעמפן צוזאַמען מענטשן ווייסע און שוואַרצע, געלע און רויטע, מענטשן פון אַלע שפּראַכן.

די קאַמיוגן פון באַזונדערע לענדער האָבן אויך אַן אַלוועלטלאַכע פאַרייניקונג, דעם קאָמוניסטישן יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל — „קים״. דער „קים״ איז איינער פון די געטרייסטע און אַנטשלאָסנסטע פון דעם אַלוועלטלאַכן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט.

אונטער די פאָנען פון 3טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל גייען צוזאַמען די אַרבעטער פון מאַירעוו און מיזראַך, איירָאָפּע, אַזיע, אַמע־ריקע, אַפריקע, אויסטראַליע. דאָס איז יענער אינטערנאַציאָנאַל, מיט וועלכן ס׳שטייט אויף דער אַרבעט-מאַן פון דער גאַנצער וועלט, מיט וועלכן ער וועט אַף דער גאַנצער וועלט אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון קאַפּיטאַל און אויסבויען אַף דער גאַנצער וועלט די זעלוכע פון באַ־פרייטער אַרבעט.

לעניִנס וועג — דאָס איז דער וועג פון דריטן קאָמוניסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל. יעדער יונגער אַרבעטער דאַרף מוטיק און אַנטשלאָסן שטעלן זיך אונטער דער פאָן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פון זיין „קים״. ער דאַרף מיט זיין גאַנצן לעבן, מיט זיין גאַנצער האַנד־לונג אַרויסווייזן זיין טרייהייט דעם אַלטן לאָזונג:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט זיך!״

אַף ערד

איזי כאַריק

קרעמער אין פעלד

און אַזוי האָבן קרעמער געזונגען
פאַרטאָג בײַ דעם אַקער אין פעלד:
„מיר וואָלטן קיינמאָל ניט אַרומגיין,
מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געזונגען
אַט־דאָ מיטן אַקער אין פעלד.

אַז ווען האָבן פינגער פאַרשמאַכטע,
געוואוינטע צום וואָג און צום פונט,
געקענט זיך פאַרבייַנקען און טראַכטן
פון רואיקער, זאַטיקער נאַכלע,
פון טיפן און זאַפטיקן גרונט..

אַז קיינמאָל וואָלט אַהין ניט געגאַנגען
אונזער פלינקער און איילִיקער פוס, —
איז דאָס לעבן געקומען אין ראַנגל,
אין ראַנגל, אין ווײי און אין אַנגסטן,
גענומען בײַם נאַקן: — מע מוז!

איז אַ סאָף, און אַן עק, און אַן ענד
צו דעם, וואָס ניט לאַנג איז געווען!“

אַזוי האָבן קרעמער פאַרענדיקט.
און ברייט האָבן פעלדער צעבלענדט זיך,
פריש האָט די זון זיך צעברענט.

פראַגעס:

1. וואָס דערציילן די קרעמער וועגן זייער אַמאָליק לעבן?
2. וואָס האָט זיי געצוואונגען צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט?

שאָלעם אַלייכעם

אַ איד — אַ פויגל

דער זיידע מוישע־יאָסי האָט געהאַט זייער אסאַך צו דערציילן פון אַמאָליקע פּריצים, ווי זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט אידן.

איין מַייסע אַזעלכע, וואָס ער האָט דערציילט פאַר זיינע אייניקלאַך, ווערט דאָ איבערגעגעבן בעקיצער.

די מייסע האָט זיך געטראָפן שוין לאַנג. אין דאָרף האַמאַרני איז געזעסן אַ איד מיטן נאָמען נויאַך, געהאַלטן אַ מיל. שטענדיק מוירע געהאַט, טאָמער וועט עמיצער ביי אים אויסדינגען די מיל, וואָרום באַלאַנים זיינען געווען אסאַך, כאָטש פּאַרנאָסע האָט ער געהאַט פון דער מיל קוים־קוים דורכצוקומען.

קומט ער צוגיין איינמאָל צום פּאָרעץ דינגען די אַרענדע און טרעפט אַ גוזמע געסט, אַ גאַנצע סודע. נאָך דער סודע קלייבט מען זיך אָף געיעג: עס שטייען שוין צוגעגרייט פערד און קאַרעטעס און בריטשקעס און הינט און די יעגערס מיט די גרויסע פעדערן און מיט די פייפלאַך. אַלצדינג, הייסט עס, פּאַרטיק אַרום און אַרום.

„ניט געטראָפן די גוטע צייט — טראַכט זיך נויאַך — דער פּאָרעץ וועט ניט וועלן ריידן איצט פון דער אַרענדע". צום סאָף האָט ער אַ טאָעס געהאַט. אויפגעשטאַנען מיט די געסט פון טיש און געוואָלט זיך שוין אויפזעצן אָף די פערד, האָט דער פּאָרעץ דערזען דעם אידן שטיין איינגעבויגן באַ אַ זייט, מאַכט ער צו אים מיט אַ פריילאַך פּאָנעם: "אַ? וואָס מאַכט אַ איד אַן אַרענדאַר?"... זאָגט אים נויאַך: „פּאָרעץ, איך בין געקומען וועגן דער מיל". צעלאַכט ער זיך, הער פּאָרעץ, ער איז געווען שטאַרק אונטערן גלעזל, און רופט זיך אָן צו אים: „אָף וויפל יאָר ווילסטו דען די מיל?" זאָגט ער צו אים: „וועלן וואָלט איך געוואָלט אָף עטלאַכע יאָר, נאָר אַזוי ווי"...

לאָזט דער פּאָרעץ ניט אויסרעדן און מאַכט צו אים: „גוט, איצטיקס מאָל גיב איך דיר אָפּ די מיל אָף דעם אייגענעם מעקאָך, וואָס אַלעמאָל, אָף צען יאָר, נאָר מיט אַ טנאַי: זאָלסט מיר זיין אַ פויגל". קוקט אים דער איד אָן: „וואָס הייסט איך זאָל דיר זיין אַ פויגל?" ענטפערט אים דער פּאָרעץ: „גאַנץ פּאָשעט, דו דאַרפסט אַרויף, זאָגט ער, אָפן דאַך פון אָט דער שטאַל, זעסטו? דאָרטן דאַרפסטו זיך פאַרשטעלן, זאָגט ער, פאַר אַ פויגל, און איך, זאָגט, וועל זיך צילן אין דיר און וועל זיך פּרואוון טרעפן גלייך אין קאָפּ אַריין, האָסט עס צעקייעט? ווערט אַ געלעכטער צווישן די פּריצים, און דער איד קלוימערשט לאַכט אויך. ער טראַכט זיך: „דער פּאָ־

רעץ טרייבט קאטאוועס, גענומען אַז איבעריק ביסל ווייז"... נו? — פרעגט אים דער פּאַרעץ — איז דאָס געמאַכט?" טראַכט זיך נויאַד: „וואָס ענט־פערט מען אים דערויף?" און טוט אים אַ פרעג אַף טשיקאַוועס: „וויפל צייט גיסטו אַף צו באַטראַכטן זיך?" זאָגט דער פּאַרעץ גאַנץ ערנסט: איין מינוט — מער ניט. די ברייררע איז בא דיר, זאָגט ער, אָדער דו קריכסט אַרויף אַפן דאַך און פאַרשטעלסט זיך פאַר אַ פויגל, אָדער מאָרגעדיקן טאָג, זאָגט ער, ווערסטו אַרויסגעוואָרפן פון דער מיל". איז דאָך אים שלעכט געוואָרן. וואָס טוט מען? מיט אַ פּאַרעץ שפּילט מען זיך ניט. אוביפראַט. אַז יענער הייסט שוין טראָגן ליימערם — אַפּאַנים, סאיז גאָרניט קיין קאַטאַוועס.

רופט ער זיך אָן נאָכאַמאָל צום פּאַרעץ: „און וואָס וועט זיין טאַמער, כאַלילע, טרעפסטו טאַקע?" ווערט נאָך אַ גרעסערער געלעכטער צווישן די פּריצים, און נויאַך בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. ער ווייסט ניט, צי דער פּאַרעץ מאַכט כוויזעק, צי ער מיינט דאָס מיט אַן עמעס? זען זעט עס אויס ווי אַן עמעס, וואָרום מען הייסט אים די רעגע קריכן אַפן דאַך, אָדער גיין אַהיים אַפּריייניקן די מיל. וויל ער שוין גיין אַהיים, דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ טאַטע פון קינדער. הויבט ער זיך אָן בעטן באַם פּאַרעץ. נאָר מע שטופּט אים שוין אַרויף אַפן דאַך און טרערן גיסן זיך אים. וואָס זאָל ער טאָן?

אַרויפגעקראָכן אַפן שפּיץ דאַך, הערט ער ניט אויף צו וויינען, גיסן מיט טרערן: דער פּאַרעץ דערוויייל האָט קיין צייט ניט. הייסט ער אים, ער זאָל זיך אָנבויגן — בויגט ער זיך אָן, ער זאָל צעגעמען די הענט — צענעמט ער יי הענט, ער זאָל אויסזען ווי אַ פויגל — זעט ער אויס ווי אַ פויגל...

און דער פּאַרעץ האָט אויסגעשאָסן און געטראָפן נויאַכן גלייך אין שטערן אַריין, און נויאַך איז אומגעפאַלן, ווי אַ געשאָסענער פויגל, און האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַראָפּ פונם דאַך. און נאָך אין דעמזעלבן טאָג האָט מען אים געבראַכט צו קוואורע. דער פּאַרעץ האָט אָבער געהאַלטן וואָרט: צען יאָר קעסיידער האָט ער ניט גערירט די אַלמאָנע פון דער מיל, וויפל מען זאָל אים ניט מויסיף זיין אַף דער אָרענדע — אַמאָליקע פּריצים!

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס האָט זיך דער פּאַרעץ געקענט דערלויבן צו טאָן אַזאַ מין זאַך מיטן אידן?

2. וואָס האָט די סאָוועטן־מאַכט געטאָן מיט די פּריצים?

שאלעם אלייכעם

טעוויע לעבט איבער פאגראם צייטן

דא איז געוועזן שוין לאנג, באלד נאך דער מילכאמע איז דאס געווען, אין דער סאמע היץ פון קאנסטיטוציעס, בײַם עס האבן זיך אנגעהויבן די יעשועס וועגעכאמעס אף אידן, פריער אין די גרויסע שטעט, דערנאך אין די קליינע שטעטלאך, אבער צו מיר איז עס ניט דערגאנגען, און עס האט ניט געקענט דערגיין בעשום אויפן. פארוואס? פאשעט! מען זיצט־אפ אזא צייט צווישן גאיעם, איז מען אויסגעבונדן מיט אלע באלעבאטים פון דארף. „טעוועל“ איז בא זיי דאס אויבערשטע פון שטויסל! וואס איז שאיעך? אז אייצע — צו טעוולען. א רעפוע צו קאדאכעס — איז ווייטער טעוועל. א פאר רובל לייען — אויך בא טעוויען. נו, האב איך עפעס באדארפט אין זינען האבן אזעלכע זאכן, אז די גאיעם אליין האבן מיר געזאגט וויפל מאל, אז איך זאל גאר קיין מוירע ניט האבן — זיי וועלן ניט דערלאזן!... און קאכאווע — וועט איר הערן א שיינס. בעקיצער, איך קום צופארן איינמאל אהיים פון בויבעריק — איך בין נאך דעמאלט געווען אין די פעדערן, ווי זאגט איר, נאך געהאנדלט מיט מילכיקס: קעז און פוטער. אויסגעשפאנט דאס פערדל, אונגעווארפן דעם היי און האבער, ניט צייט געהאט אפילו זיך וואשן צום עסן, איך טו א קוק — א פולער הויף מיט גאיעם, דאס גאנצע דארף, אלע פיינסטע באלעבאטים, פון עלטסטן, איוואן פאפערילע, ביז דעם לעצטן גאי, און אלע זעען זיי מיר אוים עפעס מאדנע, יאנטעוודיק!... האט מיר אפילו טכילעס געגעבן א טיאכקע אין הארצן: וואס פאר א יאנטעוו אין מיטן דרינען? צי איז מען ניט געקומען מיט מיר לערנען באלאק?... נאר צוריק טראכט איך מיר: פע, טעוויע, מעגסט זיך שעמען פאר זיך אליין: דיין גאנץ לעבן זיצסטו איין איך צווישן אזוי פיל גאיעם בעשאלעם וועשאלווע און מען האט דיך ניט אנגערירט, איר זאלט זאגן, אף א האר!... און איך נעם און גיי ארויס צו זיי מיט א ברייטן שאלעם־אליכעם: „ברוכים האבאים, זאג איך צו זיי, וואס טוט איר דא, מיינע ליבע באלעבאטים? און וואס וועט איר עפעס זאגן גוטס? און וואס וועט איר דערציילן נייס? טרעט ארוים דער עלטסטער, איוואן פאפערילע, הייסט עס, און רופט זיך אן צו מיר גאנץ אפנטלאך און גאר אן שום האקדאמע: „מיר זיינען געקומען, זאגט ער, צו דיר, טעוועל, מיר ווילן דיך שלאגן“. וואס זאגט איך צו דער שפראך? מיילע, ווי אזוי מיר איז געווארן אפן הארצן — קאנט איר אייך מעשאער זיין, נאר ארויסבאווייזן — פע! אדעראבע וועאדעראבע! טעוויע איז ניט קיין אינגעלע... דרוף איך מיך אן צו זיי גאנץ לעבעדיק „מאזלטאוו אייך, זאג איך, נאר וואס האט איר זיך, קינדער, אזוי שפעט דערמאנט? אין אנדערע ערטער, זאג איך, האט מען שוין פון דעם קימאט פארגעסן“!... רופט זיך אן צו מיר איוואן פאפערילע,

דער עלטסטער, הייסט עס, שוין טאקע גאנץ ערנסט: „פארשטייסטו מיך, טעוועל, זאגט ער, מיר האבן זיך, זאגט ער, אלץ געאישעווט, צי מיר זאלן דיך פארשלאגן, צי ניט שלאגן? אומעטום, אין אלע ערטער שלאגט מען אייך, פאר וואס, זאגט ער, זאלן מיר דיך דורכלאזן?... איז געבליבן בא דעם דארף, זאגט ער, אז מיר זאלן דיך שלאגן... נאר וואס דען, מיר וויסן דאך אליין ניט, וואס מיר זאלן מיט דיר טאן, טעוועל: צי מיר זאלן דיר נאר אויסהאקן די שויבן, זאגט ער, און צעטרענען די פערענעס מיט די קישעלאך און ארויסלאזן די פעדערן, צי מיר זאלן דיר פארברענען, זאגט ער, די כאטע מיט דער שטאל מיט דיין גאנץ פארמעגן?"

דא איז מיר שוין געווארן גוט קאלעמוטנע אפן הארצן, און איך באטראכט מיינע לייט, ווי מען שטייט אנגעלענט אף די לאנגע שטעקנס און מען שושקעט זיך מיר עפעס שטילערהייט, מאשמאעס, הייסט עס, אז ס'איז בא זיי גאר קיין קאטאוועס ניט? וויבאלד, אזוי, טראכט איך מיר, איז דאך טאקע שלעכט, ביסטו דאך טאקע, טעוויע, גוט אין דער ארבעט! „ע, טעוויע, קלער איך מיר, מיטן מאלעכאמאוועס טאר מען ניט שפילן — מען באדארף זיי עפעס זאגן!"... און וואס זאל איך אייך לאנג ברייען, ליבער פריינט, ס'איז באשערט געוועזן, אפאנעם, א נעם, נעם איך זיך אן מיט הארץ און רוף מיך אן צו זיי, צו די גאיעם, הייסט עס, דאווקע אין גוטן מוט: „הערט־זשע אויס, זאג איך, מיינע ליבע באלעבאטים, ווי באלד, זאג איך, דאס דארף האט אזוי געפאסקנט, איז דאך ניט שאיעד, זאג איך, מיסטאמע ווייסט איר, זאג איך, בעסער, אז טעוויע האט בא אייך פארדינט, איר זאלט מאכן א טעל, זאג איך, פון זיין גוטס און פון זיין גאנץ פארמעגן... נאר וואס דען, זאג איך, דאס ווייסט איר, זאג איך, אז ס'איז פאראן נאך העכערס פון אייער דארף? איר ווייסט, זאג איך, אז ס'איז דא א גאט אף דער וועלט?

בעקיצער, זיי האבן, אפאנעם, געזען, אז מיט טעוויען וועלן זיי זיך ניט אויסטיינען, רופט זיך אן צו מיר דער עלטסטער: „די מייסע, זאגט ער, דערפון איז אזוי: מיר האבן צו דיר, טעוול, אייגנטלאך, גארנישט ניט. דו ביסט, זאגט ער, טאקע א זשיד, נאר ניט קיין שלעכטער מענטש, נאר איינס צום אנדערן, זאגט ער, געהער זיך ניט אן — שלאגן דארף מען דיך: דאס דארף האט אזוי געפאסקנט — פארפאלן! מיר וועלן דיר, זאגט ער, אויסהאקן די פענצטער, דאס, זאגט ער, מוזן מיר, ווייל טאמער, זאגט ער, פארט אימיצער דורך, טא לאז מען, זאגט ער, זען, אז מען האט דיך געשלאגן. אז ניט, זאגט ער, וועט מען אונז נאך שטראפירן"... אט מיט די ווערטער און מיט דעם לאשען, ווי איך דערצייל אייך.

נאָכעם ווייסמאַן

איקאָר

איז אַרוים אַ דעקרעט
פונם העכסטן סאָוועט —
האָט לעניז דער פירער געזאָגט:
עס זיינען דאָ אידן
בײַ אונז אינעם לאַנד
פון סאָוועטן-פאַרבאַנד,
וואָס האָבן
אַ שטעקן אין האַנט נאָר פאַרמאָגט,
און אַ שטערן
אַ ברייטן,
פאַרשפּרייטן מיט קנייטשן
פון זאָרגן,
פון טראַכטן:
— וואו נעמט מען כיונע?
איז אַרוים אַ דעקרעט
פונם העכסטן סאָוועט:
גענוג זיך געפּלאָגט!
גענוג שוין געמיסכערט,
פאַרמיסכערט,
פאַרדרייט —
זיך
און יענעם דעם קאָפּ!
אַלץ אַראָפּ!
זאָל איינגעטיילט ווערן
די ערד.
און אידן,
וואָס האָבן
אַ שטעקן אין האַנט נאָר פאַרמאָגט

און א שטערן א ברייטן,
פאָרשפּרייטן מיט קנייטשן
פון זאָרגן,
זאָלן פאָרן
באָזעצן זיך
אָף ערד.
און לעצנינס וואָרט
צעטראָגן איז געוואָרן
אָף יעדן שפּאָן,
פון קרים
ביז בירא-בידזשאָן.

ש ווע ר ע   ו וע ר ט ע ר:

דעקרעט — באפעל. כיונע — פארנאסע. געמיסכערט — געהאנדלט.

א ר ב ע ט:

פיר דורך א דיסקוסיע בא דיין „איקאר“־סעקציע וועגן „איקאר“. קריג א מאפע פון בירא־בידזשאן.

קאָמערד

דעם 25טן יולי 1924 יאָר האָט דער פּרעזידיום פונם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער ווייסרוסלענרישער ראַטן-רעפובליק אָנגענומען אַזאַ באַשלוס:

געבן די אידן — סיי איינצלנע, סיי קאָלעקטיוון — ערד אַף דיזעלביקע רעכט, וואָס דער ניט-אידישער פויערשער באַפעלקערונג.

צו באַקומען ערד האָבן רעכט אַפילו אַזוינע אידן, וואָס האָבן זיך פריער מיט ערדאַרבעט ניט פאַרנומען.

קעדיי דורכפירן דעמדאָזיקן באַשלוס אין לעבן, איז באַלד אַפן אָרט באַשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אַף איינאָרדענען הארעפאַשנע אידן אַף ערד.

אַן ענלאַכן באַשלוס האָט דעם 29טן יולי 1924 יאָר אָנגענומען דער פּרעזידיום פונם אַלאוקראַינישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט.

דעם 29טן אווגוסט האָט דער פּרעזידיום פונם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט באַשלאָסן:

שאַפן באַם פּרעזידיום פון נאַציאָנאַליטעטן-ראַט, וואָס באַם צ. א. ק. פון פ"ססר, אַ באַזונדערן „קאָמיטעט פאַר איינאָרדענען ארבעטנדיקע אידן אַף ערד“, פאַרקירצט „קאָמערד“.

אַף איינער פון זיינע ערשטע זיצונגען האָט דער אַלפאַרבאַנדישער „קאָמערד“ אָנגענומען אַזאַ באַשלוס:

אין די נאָענטסטע 10 יאָר באַזעצן הונדערט טויזנט אידישע מישפּאָכעס אַף ערד.

די ערד-איינאָרדענונג פירן ניט צעזייט און צעשפּרייט, נאָר ווי ווייט מעגלאַך צוזאַמען, קאָנצענטרירט אַף גרויסע ערד-שטעטאַכן.

דאָס וועט שאַפן אַ גרונט אַף אויסבילדן מיט דער צייט אַ אידישן אויטאָנאָמען געגנט (טעריטאָריעלער איינס).

אין 1928 יאָר האָט די אַלפאַרבאַנדישע רעגירונג באַשטימט אָפּצוגעבן אַ גאַנצע געגנט אַף באַזעצן דאָרט הארעפאַשנע אידן.

דאָס לאַנד רופט זיך בירא-בידזשאַן. בירא-בידזשאַן געפינט זיך

אין דעם געגנט פונם טייך אמור. דאָס לאַנד איז גרעסער פאַר גאַנץ פאַלעסטינע. בירא־בידזשאַן קען אַריינעמען אַסאַך איבערוואַנדערער.

דאָס באַזעצן אידן אַף ערד אין בירא־בידזשאַן האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

געזערד

געזערד איז אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט העלפן איינאָרדענען האַרעפּאַשנע אידן אַף ערד.

דער ציל פון געזערד איז:

1. זאַמלען געלט, סיי אין ראַטנפאַרבאַנד גופא און סיי אין אויסלאַנד, אַף צו העלפן דעם „קאָמערד" דורכפירן די אידישע ערד־איינאָרדענונג.

2. העלפן דעם „קאָמערד" אָפּקלייבן די איבערוואַנדערער.

3. געבן די איבערוואַנדערער לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס, פערד, בעהיימעס, בוי־מאַטעריאַלן, זריע א. אַז. וו. אַף אויסצאָלן.

4. באַזאָרגן די איבערוואַנדערער מיט מעדיצינישע און קולטורעל־דערציערישע הילף.

5. העלפן דעם „קאָמערד" אויספאָרשן און צוגרייטן נייע ערטער, וואו מען קאָן באַזעצן אידן אַף ערד.

דער געזערד באַקומט אַסאַך שטיצע פון אויסלאַנד, פון פאַרשיידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווי „איקאָר" פון צאָפן־אַמעריקע, „פראָקאָר" — פון אַרגענטינע, און אַנדערע.

אַרבעט:

לייען איבער דעם באַריכט פון דער עקספּעדיציע, וואָס דער „איקאָר" האָט געשיקט קיין בירא־בידזשאַן.

שטעל צוזאַמען — לויטן באַריכט — אַ טאַבעלע פון די לאַנדרייכטימער, קלימאַט, געאָגראַפישע לאַגע און אַז. וו. פון בירא־בידזשאַן

איזי כאַריק

ברויט

אַזוי צי אַזוי, נאָר ס׳שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן אידן געגרייט זיך, גערעדט און געוואַרט,

איז פון שטאָט אָנגעקומען אַ יונגער יעווסעק,
די ערדן צעטיילט זיי, — און פאַרט און אָן שרעק!

זיינען קינדער, און רינדער. און טאַטעס, און פערד
געפאָרן, געקומען —— און אָט איז די ערד...

שטייט דאָרט אַ פּאַלאַץ צעשטויבט און צעשטערט,
און מיט לאָזע און גראָז איז באַוואָקסן די ערד.

האָבן זיך עלטערע אידן פאַרקלערט...
— וואָס טוט מען, ווי טוט מען, גיי שפּיל זיך מיט ערד!

קומט מען און שוויגט מען... אַז גרויס איז די לאַסט,
צי וועט מען דאָ בלייבן, צי קומט מען צו גאַסט...

איז דער אינגסטער אַ פלינקער — אַראָפּ אַף דער ערד:
— וואָס איז דאָ צו טראַכטן — און שפּאַנט אויס די פערד.

איז דער אינגסטער דער ערשטער צום פּאַלאַץ אַוועק,
זיינען אַלע אַראָפּ פון די פערד — און אָן עק!

שווערע ווערטער:

יעווסעק —— אַ מיטגליד פון דער אידישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

א. בלאָנדער

פון האַנדל צו ערד

1.

אין א פראַסטיקן זונטיק-פאַרנאַכט זיינען געשטאַנען רעדלאַך איבער די גאַסן און דורשטיק געלייענט די פריש-אויסגעקלעפּטע מעל-דונג פון דער איבערוואַנדער-קאָמיסיע. מאַרק-אידענעס מיט פאַרבונ-דענע קוישן אונטער די אָרעמס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נייגעריק געכאַפּט א וואָרט נאָך א וואָרט:

— זאַנוול, זאָג שוין גיכער, וואָס שטייט עס אין בלעטל, וואָס אַלע קלעפּן אַרום דעם? — האָט זיך געבעטן א ווייבל און געריסן דעם אידן פאַר די פּאָלעס.

דער איד האָט דורכגעלייענט די מעלדונג ביזן סאָף און האָט זאַכ-לאָך געענטפערט:

— מע גיט אידן ערד. ווער עס וויל ווערן אויס הענדלער, קאָן זיך מיט ערדאַרבעט פאַרנעמען.

— ווער-זשע גיט עס די ערד? — האָט זיך א דאַרער יונגער-מאַנטשיק דערפרעגט. ער האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אָנגעשפּיצט ביידע אויערן און בעשומויפן ניט געקאָנט כאַפּן דעם טאָך.

— די רעגירונג גיט די ערד. די סאָוועטן-רעגירונג — האָט מען אים פון אוילעם דעם אינהאַלט פון דער מעלדונג דערקלערט — דאָ איז געשריבן, שוואַרץ אַף ווייס, ניט קיין באָבע-מייסע.

— הייסט עס, אויס מאַרק! פּאָטער אָן אייסעק! נעם זיך ערד און ווער א פּויער.

— האַלעוויי! — האָט א אידענע אין אוילעם אַריינגערעדט — טאַקע א גלייכע זאַך, וואָס-זשע? ביזוואַנען איז דער שיר אָפּצו-קומען אַף דער וועלט און פאַרוויסט ווערן טאָג און נאַכט בא די עפּל אין מאַרק! אַסאַך האָט מען פון דער שטעל?

2.

פאַר די ערשטע פינף טעג, וואָס די קאָמיסיע איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָבן זיך פאַררעגיסטרירט הונדערט און צען פאַמי-

ליעס מיט פינף הונדערט נעפּאַשעס. עס קומען זיך רעגיסטרירן קליינ־הענדלער—50 פּראָצ., באַלמעלאָכעס—20 פּראָצ., אַרבעטער—5 פּראָצ., היימלאָזע און לופטמענטשן..

אַט איז געקומען זיך פאַרשרייבן אַן עלטערער איד, 52 יאָר אַלט.

— מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— איך בין אַלע מיינע יאָרן אַ טוואָוע־הענדלער געווען.

— און היינט?

— היינט איז כאָטש לייג זיך און שטאַרב. מע קויפט אַמאָל אַ זעקל קאַרטאָפל באַם פויער, קאָן מען דערפון קיין פאַמיליע ניט שפייזן.

— מיט וואָס פאַרנעמען זיך די קינדער?

— איך האָב דריי מיידלאַך צו 16, 18 און 20 יאָר. גייען אַרום פוסט און פּאַס, שלינג און שלאָנג...

—זייט איר אַן אַרבעטפייאיקער? איר וועט קאָנען זיך אָפּגעבן מיט דער ערדאַרבעט?

— אָ־אָ! — ענטפערט דער איד, אַביסל באַליידיקט — איך וועל זיך נאָך מיט צען יונגעלייט אויסגלייכן, מיין ווייב איז אויך אַ האַרע־פּאַשנע אידענע. גיט אונז נאָר ערד. מירן שוין פון איר אַ טאַכלעס מאַכן.

— וואָס רעכנט איר טאָן מיט אייער דירע, וואָס איר פאַרמאָגט?

— פאַרקויפן. און אויב עס וועט קיין קוינע ניט זיין — איז אַף העפקער לאָזן אַבי זיך וואָס גיכער צו אַן אַרבעט נעמען. שוין נימעס געוואָרן אַזאַ לעבן, ווי איצט.

דער איד האָט אויסגעטאָן זיין היטל, האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערן און געפרעגט:

— איך האָב צוויי אויסגעגעבענע זין, ווילן זיי אויך מיט זייערע פאַמיליעס אַרויספאָרן. עפשער קענט איר זיי אויך פאַרשרייבן?

3.

באַם פענצטער, אין אַ זייט, שטייט אַ געוועזענער לעדער־הענד־לער און קוקט זיך צו, ווי עס גייט די רעגיסטראַציע.

— פאַרוואָס פאַרשרייבט איר זיך ניט? — פרעגט אים עמיצער פונם אוילעם.

— איך בין דערווייל געקומען אַ קוק טאָן, ווער און וואָס און ווען — צי עס איז טאַקע אַ ראַיעלע זאַך דאָס פאַרשרייבן, און מאָרגן וועל איך שוין קומען ניט אַליין. מיר זיינען אַ גאַנצער „קאָלעקטיוו" — אָפּ פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט.

א. בלאַנדער

צו אַ נייער היים, צו אַ ניי לעבן

זונטיק דעם 30טן אַפּריל האָט קרעמענטשוג אַרויס־באַגלייט די ערשטע 15 איבערוואַנדערער קיין ביראָבי־דזשאַן. ס'האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן אוילעם פון אַ מאַן זעקס הונדערט.

ווער איז דאָ ניט געווען ?

אידן מיט לאַנגע, ווייסע בערד, ווייבער פון קיד, לע־רער און לערערקעס, פּאַרטיי־טוער, שילער פון אַרבעט־שולן און נאָך און נאָך.

אַלע זיינען היינט געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע ברידער, פריינט און כאַווירים.

— מיר פאָרן אַקערן מיט דער נאָז די ערד — האָבן זיך איינִיקע איבערוואַנדערער געוויצלט.

יאָ, טאַקע מיט דער גאַנצער ענערגיע, אָבער מיט דער הילף פון טראַקטאָרן צעאַקערן די פעטע נייע ערד, אויס־קאָרטשען דאָס ווילד־גראָז און זייען ברויט און לייען קערנ־דלאַך פון סאָציאַליזם.

אַ כאַווער איז אַרויסגעטראָטן :

— כאַווירים, מיר ווייסן דאָך, אַז יעדער אָנהויב איז שווער און דעריבער שיקן מיר טאַקע 15 געזונטע כעווריע : זאָלן זיי דאָרט אָנהויבן בויען אַ ניי לעבן ...

און צוזאַמען מיט די גליענדיקע, האַרציקע ווערטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מאַטאָנעס : אַ פּרימוס מיט אַ פענדל, — „פאַרנוצט עס געזונטערהייט" — רעגן־מאַנט־

לען, פויערישע וועגענער, קאָלדרעס, גרעט, אָפּטייקלאַך, אַ ביקס, ביכער, לעפל מיט גאָפּלען, און נאָך און נאָך.

דעם ערשטן מאַי האָט מען די ביראָבידזשאַנער באַגלייט אַפן וואָקזאַל. ווידער האַרציקע ווערטער, ברידערלאַכע געזעגעניש.

— פאָרט געזונט, כאַווירים! איר וועט זיין די ערשטע גליקלאַכע איינוואוינער פון ביראָבידזשאַן.

אימיצער ווישט אָפּ אַ טרער פון פרייד...

— זייט געזונט ! פאַרגעסט ניט אין אונז!...

ניין, קרעמענטשוגער אַרבעטנדיקע וועלן ניט פאַרגעסן, אַזוינע געשעענישן פאַרגעסט מען ניט.

ביז צוויי באַנאַכט האָט זיך געצויגן דאָס געזעגעניש. מיט אַ הילכיקן פייף האָט דער צוג גענומען רירן פון אָרט. הונדערטער מיילער און הערצער האָבן נאָכגעשיקט דעם לעצטן „זיי געזונט“.

אַנטיסעמיטיזם

ווי אַזוי די ראַטנמאַכט קעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם

די פראַגע וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם פאַרנעמט בא דער ראַטנמאַכט אַ גרויס אָרט.

נאָך אין יולי 1918טן יאָר האָט דער ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן ארויסגעגעבן אַ ספּעציעלן באַפעל מיט דער אונטערשריפט פון כאַווער לענין וועגן קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג.

אָט זיינען איניקע אויסצוגן פונם באַפעל:

„אין ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן קומען אָן יעדיעס, אַז אין אַסאַך שטעט פירן די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע. אַלס רעזולטאַט פון דעם זיינען אין איניקע ערטער פאָרגעקומען עקסצעסן (פּאָגראָמען) אַף אידן.

די בורזשואַזע קאָנטער-רעוואָלוציע נעמט איבער דאָס געווער, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון די צאַרישע הענט.

דער צאַרישער רעזשים פּלעגט שטענדיק אַנווענדן דעמדאָזיקן געווער (פּאָגראָמען) קעגן אידן, קעדיי אָפּצואווענדן פון זיך דעם פאָלקס-צאָרן און אָנווייזן די פינצטערע מאַסן, אַז אַלע זייערע צאָרעס קומען קלוימערשט פון אידן. דערביי פלעגן די אידישע גווירים פאַר זיך שטענדיק געפינען אַ פּאַרטיידיקונג. און געליטן און אומגעקומען איז די אידישע אָרעמקייט.

איצט האָבן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן באַניית די העצע קעגן אידן. זיי נוצן אויס דעם הונגער און די פאַרמאַטערטקייט פון די אָפּ-געשטאַנענע מאַסן און אויך די רעשטלאַך פון אידן-פיינטשאַפט, וואָס איז איינגעוואָרצלט געוואָרן דורך דעם צאַריזם.

דער ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן דערקלערט, אַז די אַנטיסעמי-טישע באַוועגונג און די פּאָגראָמען זיינען אַ טויט-געפאַר פאַר דער אַרבעטער- און פּויערים-רעוואָלוציע און רופט אַלע אַרבעטנדיקע צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן דעמדאָזיקן בייז.

דער ראַטפאָלקאָם לייגט-פאָר אַלע ראַטן, זיי זאָלן אָננעמען אַנט-שיידענע מיטלען, קעדיי אויסצואוואָרצלען די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג.

די פּאָגראָמשטשיקעס און די, וואָס פירן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע, דאַרף מען אַוועקשטעלן אויסערן געזעץ.

„אויסערן געזעץ" האָט אין יענע יאָרן באַטייט — שיסן אָפן אָרט.

אָט מיט וואָס פאַר אַ שאַרפע מיטלען די ראַטנרעגירונג קעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם.

פ ר א ג ע ס :

1. צי האָט געקענט פאַר 12 יאָר אויסגעוואָרצלט ווערן דאָס, וואָס מע האָט געפלאַנצט אין מעשעך פון טויזנטער יאָרן?
2. וואָס טוט די סאָוועטן-מאַכט אַף צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם?
3. צי זיינען מעגלאַך פּאָגראָמען בא דער ראַטן-רעגירונג?

לענין

איציק פעפער

האָט לענין געזאָגט

האָט לענין געזאָגט :
— זאָל טאָגן אַ־דאָרט,

וואו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט, —
מיט ווערטער מיט פּראָסטע

האָט לענין געזאָגט.
„דאָס ליכט אַהין,

וואו ס'איז שטענדיק נאַכט,
האָט לענין געזאָגט.

פון שטעטלאַך און שטעט
זיינען יונגען אַוועק.

פון דאָרף און פון וואַלד
אַף די טייכן אַוועק

מיט גלויביקע אויגן,
מיט האַמערס און העק.

זאָל טאָגן אַ־דאָרט,
וואו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט, —

מיט ווערטער מיט פּראָסטע
האָט לענין געזאָגט.

לענין

א מיטעלער וואוקס. זייער א קרעפטיקער, מיט א גלאטן קאפ, מיט בלאנדע בארד און וואנסן, מיט שארפע, בוילעטע געזיכטס־שטריכן און מיט טיפע, פלאמיקע, קליינע אויגן, — אט דאס איז געווען דאס אויסערלאכע אויסזען פון לענינען. אנגעטאן איז ער געווען אלעמאל פראסט און באשיידן, ווי פראסט און פאשעט ער איז אליין געווען.

ענדערן פלעגט זיך זיין אויסזען נאר אף דער טריבונע. ער פלעגט אנ־הויבן רואיק ריידן, די הענט אין די קעשענעס, אביסל זיך הויבנדיק מיטן קליינעם גוף, נאר ביסלאכווייז פלעגט ער אנהויבן זשעסטיקולירן מיט די הענט, און זיין שפראך איז געווארן אלץ שטייפער, און האט ווי א האמער אריינגעשלאגן יעדעס ווארט אין מויאך, אין הארצן.

לענין איז געווען א זעלטענער טייערער כאווער. ניט געווען נאך אזא מענטש, וואס זאל זיך באציען צו א פריינט מיט אזא אויפמערקזאמקייט, מיט אזא ווארעמקייט, ווי ער. דערפאר, אבער, האט ער זיך אויך מיט אזא אויפמערקזאמקייט באצויגן צום סוינע, אים ניט אפגעלאזט פון אויג, אף יעדן טריט פארפאלגט. און האט דער נאענטסטער, באליבטסטער פריינט און כאווער אראפגעבלאנדזשעט פון וועג און זיך ניט געלאזט צוריק ארויפפירן, אזוי האט לענין צעריסן מיט אים אויך יעדע פערזענלאכע באציאונג. בא לענינען זיינען ניט געווען קיין פאליטישע און נייטראלע כאווערים און קעגנער. ביסטו קעגן מיינע פאליטישע איבערצייגונגען, ביסטו מיין פיינט. אפט האט אים דאס געקאסט גענוג פיין און צאר. געווען נאענטע און גע־ליבטע כאווערים און לערער, וועלכע לענין האט אויסגעריסן מיט ווייטיק און פיין פון זיין הארצן.

לענין איז בעטעווע געווען א מענטש מיט א מונטערן, פריילאכן כאראק־טער, אין די אויגן האט שטענדיק געשפילט א גליענדיקע איראניע. און געווען איז ער דערצו א מענטש, וואס האט שטענדיק געלאכט. און געלאכט האט ער געשמאק, געזונט, פריש, און זיין לאכן איז געווען באשטראלט מיט ליכטיקן, גרויסן סייכל.

לענינען איז ניט געווען פרעמד מוזיק, קונסט, ליטעראטור.

לענין איז געווען ארבעטספייאיק, ווי קיינער. ער פלעגט ארבעטן מיט א סיידער, זיך אפרוען אביסל און ווידער ארבעטן, און דערום פלעגט ער ניט מיד ווערן. אלץ, וואס ער פלעגט טאן, איז געווען מיט א האסטיקייט, מיט א פלאמיקן אימפעט, ניט געקוקט אף דער אויסערלאכער רואיקייט און איינגע־האלטנקייט.

ביכלאל איז ער געווען דאס, וואס מען רופט אן א „שנעלער ארבעטער“. אז ער האט געלייענט א בוך, האט ער אים מאמעש געשלונגען מיט די אויגן. פון דער זייט האט זיך געקענט דוכטן, אז ער לייענט זייער אויבנאויפיק, לאזט דורך גאנצע שטיקער, ווייל עס האט זיך פאשעט ניט געגלויבט, אז א מענטש איז בעקויאך אזוי שנעל עפעס דורכקוקן אויפמערקזאם.

לענין איז געווען א גרויסער ספארטסמאן. ער האט ליב געהאט גייען, כאטש ער איז געווען א שלעכטער שיסער, ער האט ליב געהאט זיך גליטשן, לויפן אף גלעזער, ביכלאל, באוועגן זיך, איינגעמען.



נאר מער פאר אלץ איז ער געווען א גוואלדיקער בעריע אין שאכמאט־שפיל. דא האט אים שוין קיינער ניט געקענט בייקומען. אויב אין לויפן, יאגן זיך, גליטשן און שליטלען זיך האט ער געהאט גליקלאכע קאנקורענטן, איז דא, אין שאכמאט, איז ער שוין געווען דער שטענדיקער זיגער.

לענין האט ליב געהאט קינא. לענין האט ליב געהאט נאר די דינאמיק, די באוועגונג, און איז דעם קינא האט ער געזען אן אפשיין פון אט־דעם.

לענין איז געווען א רעאליסט, ניט קיין טרוימער. נאר איין טרוים האט ער פארמאגט — באהערשן די נאטור, באפרייען דעם מענטשנס מויאך פון דווירעסדיקן שטויב, שאפן א פרייע מענטשלאכע געזעלשאפט פון שאפונג, ארבעט און גליק.

ארבעט:

מאל אויס לענינס בילד און שרייב אן זיין ביאגראפיע.

„זיך אָפּרעכענען מיט זיי“

(ליענינס ניאניע דערציילט)

קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן דעם טאָג, וועלכער האָט גע־בראַכט די בסורע וועגן אַלעקסאַנדערס טויט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט אָן אַ טעלעגראַמע פון פעטער־בורג: „פאַרט טייקעף אַרויס, די קינדער זיינען אין געפאַר“.

איך בין געבליבן מיט די קינדער אַליין. מיר האָבן אַלץ ניט גע־קאָנט צוקלערן, וואָס אַזוינס האָט געקאָנט טרעפן מיט די קינדער. דאָ האָט וואָלאָדיאַ איבערגעלייענט אין ציימונג: „וועמען אין סיביר פאַרשיקן און וועמען היינגען!“

— מיין ברודער אַלעקסאַנדער אויך צום היינגען פאַרמישפּעט — האָט ער געזאָגט.

מיר האָבן זיך אַלע צעוויינט און זיך געוואונדערט, וואָס וואָלאָדיאַ בלייבט באַ אַזאַ שרעקלאכער יעדיע אַזוי רואיק.

— וואָס זאָל איך וויינען? — זאָגט ער מיט אַ פעסטער שטימע — דערמיט וועל איך ניט העלפן, איך דאַרף זיך אָפּרעכענען מיט זיי...

מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער דאַרף זיך עס אָפּ־רעכענען.

נאָכן ברודערס טויט איז וואָלאָדיאַ געוואָרן זייער ערנסט, האָט אַסאַך געלייענט און האָט פאַרבראַכט לאַנגע שאָען באַ זיך אין צימער.

ערשט איצט, בעשאַס דער רעוואָלוציע, האָט מען מיר אין ציימונג איבערגעלייענט, אַז וולאַדימיר האָט געמאַכט די גאַנצע רעוואָלוציע. דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען. איך בין געווען גליקלאַך, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז פון דעם קלוגן מונטערן יאַטל, וועלכער איז געוואַקסן אָף מיינע אויגן, איז געוואָרן אַזאַ גרויסער מענטש, אַ פאַרטיידיקער פון דער גאַנצער אָרימקייט.

באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס

אין 1903טן יאָר איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ טייל פון דער פּאַרטיי פאַרשטייט נישט די רעוואָלוציאָנערע אויפגאָבן. זיי האָבן געמיינט, אַז מע קען אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, גייענדיק האַנט אין האַנט מיט די קאַפּיטאַליסטן. לענין האָט געזאָגט, אַז בּאַ די אַרבעטער און בּאַ דער בורזשואַזיע זיינען גאָר פאַרשיידענע וועגן. די בורזשואַזיע מיט די פּריצים דאַרפן האָבן דעם קייסער, קעדיי צו דריקן די אַרבעטער און פּויערים. לענין האָט געזאָגט, אַז דער אַרבעטער האָט איין וועג: אין פאַרבאַנד מיט די אָרעמקע פּויערים קעמפן קעגן קייסער, קעגן די פּריצים, קעגן די קאַפּיטאַליסטן, נעמען די מאַכט אין די אייגענע הענט.

צום סאָף פונם צוזאַמענפאָר איז די מערהייט געווען מיט לענינען, דערפאַר האָבן זיי באַקומען דעם נאָמען באָלשעוויקעס, און די מינדערהייט, וואָס איז געווען קעגן לענינען, האָט מען אַ נאָמען געגעבן מענשעוויקעס. אַזוי איז שוין פאַרבליבן דער נאָמען ביז איצט.

כאָוועך לענין האָט געזאָגט:

דו שטעל זיך נאָר פאָר: פון צאָפן ביז דאָרעם, פון מיזראַך ביז מייריעוו נעמט אַרום די וועלט מיט זיינע מעכטיקע הענט דער אַרבעט־מאַן. טאָג און נאַכט דרייען זיך רעדער, פליען צוגן און שיפן, טראָגן זיך איבער דראָטן עלעקטרישע פונקען. טאָג און נאַכט גליען גוואַלדיקע שמעלץ־אויוונס. טאָג און נאַכט גראָבן זיך טיף אונטער דער ערד אַנצאָליקע האַמערס און רידלען. טאָג און נאַכט ציען זיך, ציען זיך אומענדלאָכע סטענגעס באָוול, וואָלנס, זיידנס, שיטן זיך בערג מעל, גרויפּן, צוקער. עס קלינגען האַמערס און עק. עס פייפט דער דאַמף, עס רוישן די רימענס, עס קלאַפּן די רעדער, עס זינגען די זעגן. עס שפּאַנען זיך אַן שטאַרקע אָרעמס, עס גיסט זיך שווייס. מענטשן ווייסע, געלע, שוואַרצע, רויטע, מענטשן, וואָס רעדן אָף הונדערטער שפּראַכן, זקיינים און יונגע, מענער און פרויען, יונגנטלאָכע און קינדער, מיליאָנען און מיליאַרדן באַפּרוכפּערן די ערד, די יאַמען, די לופט מיט זייער אַרבעט.

לעניִן איִן אַ סטודענטן-קאַמונע

איִן מאַרט 1921טן יאָר איִז איִן דער ערשטער סטודענטישער קאָמונע אומדערוואַרטעט געקומען לעניִן. ס'איִז שויִן געווען אַרום 2 אזייגער באַדער־נאַכט. מיר גייען אַף די פינצטערע טרעפּ אַרויף צו אונז איִן קאָמונע אַריִין. פאַר אונז גייען עפּעס נאָך 4 פיגורן, טאַפּן איִן דער פינצטער און קלעטערן אַף די טרעפּ.

איינע פון די פאַדערשטע פיגורן טוט אַ רייב אַ שוועבעלע און זוכט די נומערן פון די וואוינונגען. דערווייל יאָגן מיר זיי אָן מיט אַ געפּילדער און מיידן זיי אויס.

— וועמען זוכט איר? — פרעגן מיר.

— די צוויי און אַכציקסטע וואוינונג.

— קריכט העכער!

באַם שייִן פון דער שוועבעלע האָב איך דערזען אַ פּאָנעם, וועלכער ענלאַד צום כאַווער לעניִן (דאָס האָט ער טאַקע געריבן די שוועבעלאַך), און איך האָב זיך געלאָזט אַרויף, קעדיי זיך צוקוקן באַ דער שייִן, ווער גייט עס. נאָך מיר רייסן זיך אַריִין די יאַטן און פאַדערן פון דעזשורנעם: „גיכער וועטשערע!" קיינעם פאַלט ניט איין, ווער גייט עס אונטן. איך זאָג אויך גאָרניט, איך וועל זיך אַליין דערוויסן.

ס'קומען אַריִין צוויי פרויען, איינע אַ איִנגערע און די צווייטע אַ געעלטערטע, אַ געקנייטשטע. זיי לאָזן זיך איִן מיידלשן צימער אַריִין. נאָך זיי גייט אַ ברייטביייניקער מאַן איִן אַ פוטערנעם היטל מיט אַן אויפגע־שטעלטן קאָלנער און ער גריסט זיך מיט אַלעמען!

— גוטן אוונט! גוטן אוונט!

איך קוק זיך איִין... ס'ווייזט זיך אויס?... ניין... איינער אַ מאַנצ־ביל בלייבט איִן פאַדערצימער.

איך פרעג באַ אים:

— ווער איִז עס דורכגעגאַנגען? כאַווער לעניִן?

לאַכט ער:

— יאָ.

— בעווּרע, לעניִן איִז דאָך באַ אונז!

סווערט אַ טומל.

— גיי שויִן, וואו? לאַז! פאַרנעם זיך!

איך ווייז זיי אָן:

— אָט זאָגט דער כאַווער, צוזאַמען מיט אים געקומען.

מיר האבן מוירע אריין צו די מיידלאך אין צימער. סאלקאלסאף וואַרפן מיר זיך אהינצו אריין א גאַנצע כאליאַסטרע, אונטערשטופנדיק איינער דעם צווייטן.

— כאַוואַר לעניז, מיר האבן דאך אייך ניט דערקענט. מיר האבן געוואלט זיך דורכשמועסן מיט אייך.

— נו, וואס־זשע, דערציילט, ווי לעבט זיך אייך.

מיר ענטפערן אַלע מיטאמאל: — נישקאַשע, איצט גייט שוין אף א וועג.

וולאדימיר איליטש באקוקט אונז אַלעמען:

— נו, לויט אייער אויסזען ווייזט ניט אויס, אז איבעריק גוט...

— נו, ווי אַרבעט איר? ווייזט נאָר עפּעס וואס טוט איר, א וואַנט־ציַיטונג לאזט איר דאָך געווים אַרויס?

— ווי דען אַנדערש? שוין 20 נומערן אַרויסגעגעבן — און מיר ווייזן אים דעם ערשטן נומער פון אונזער צייטונג.

דער דעזשורנער פון אונזער קאָמונע האט ניט פאַרגעסן זיינע פליכטן: ס'איז שוין גרייט טיי און אוונט־ברויט. וולאדימיר איליטש איז אַריינגעקומען צו אונז אין עסצימער. מיר האבן אים געצוואונגען זיך אויסטאן און עסן מיט אונז. מיר האבן באמערקט בא זיין אויסטאן זיך, אז וולאדימיר איליטש באוועגט זיך ניט גאָר פריי און מיר האבן אים געפרעגט וועגן זיין געזונט, וואס מאכט ער נאך דער פאַרוואונדונג.

— נישקאַשע — האט ער געענטפערט מיט א שמייכל — איך מאך איצט מיט דער האַנט גימנאַסטיק. און ער איז אריבער רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

באם עסן האט וולאדימיר איליטש געפרעגט, פאַרוואס רופן מיר זיך אַן קאָמונע, ווער קאכט בא אונז, און ווער רוימט די צימערן.

דערנאך האט ער זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן אונזער מאַטעריעלער לאגע. צי האבן מיר גענוג עסן.

— אינאַלגעמיין קומט אויס צו זיצן אַן אוונטברויט א דריי־פיר טעג אין כוידעש — ענטפערן מיר.

— ווי אזוי־זשע?

— גאָר פּאַשעט. מיר באַקומען אונזערע פּאַרציעס, לייגן מיר צונויף אַלעמענס און רעכענען אויס, וויפל ס'נעמט זיך אַן ברויט א טאג. טרעפט אמאל, אַז מע כאַפּט אַריבער און מע שטעלט אַריין די מאַרגנדיקע פּאַרציע אויך. אזוי לויפן אַן אין כוידעש דריי־פיר טעג אמאל. דערפאַר האבן מיר גענוג גרינס, ס'בלייבט נאך איבער. די שווערסטע צייט, וולאדימיר איליטש, איז שוין דורכגעגאַנגען.

— נו, נישקאשע, מינאסטאם לייגט איר זיך דערפאר פריער שלאפן ?...
ווידער אמאל ענטפערן אלע ווי איינער:

— ניין, וולאדימיר איליטש, ביז דריי־פיר אזייגער קומט אפט אוים צו זיצן.

— ווי־זשע ? פארוואס לעשט מען בא אייך ניט אוים די עלעקטריע ?*)

— מיר זיינען, וולאדימיר איליטש, מעיוכאסים, אונזער קאמונע געפינט זיך אין ראיאן פון דער טעלעגראף־קאנטאר און אין דעם ראיאן איז דא עלעקטריע א גאנצע נאכט.

— אזוי ! נו, דאס טויג ניט, איך וועל הייסן, מע זאל אייך אויסשליסן פון דער נעץ. אז ס'וועט ברענען שפעט די עלעקטריע, וועט איר שוין געוויס זיך ניט איינגעוואוינען צו לייגן פרי שלאפן. איר דערנערט זיך שלעכט, איר לערנט און דערצו נאך ניט דערשלאפן — וועט איר זייער גיך פארלירן אייערע קויכעס, צו וואס־זשע וועט איר דעמאלט טויגן ?... אויב ניט אויסשליסן בא אייך די עלעקטריע, וואלט מען געדארפט אייך איבערגעבן צום געריכט, פארוואס איר פארשווענדט דאס פארמעגן פון דער מעלוכע — אייער געזונט און אייערע קויכעס. וואס־זשע פאר א בויער וועט איר זיין שוואכערהייט ?

מיר זאגן־צו אף וויטער היטן אונזערע קויכעס.

— נו, אמפערט איר זיך אמאל ? מארקסן, ענגעלסן לייענט איר ? אזוי ביז דריי אזייגער באדערנאכט.

אונזערע געסט קלייבן זיך שוין אוועקגיין. וולאדימיר איליטש ווינצלט זיך אלץ וועגן דער עלעקטריע:

— נו, איר זאלט זיך פונדעסטוועגן וואס פריער לייגן שלאפן, ווייל וואס וועט זיין דער סאך ? — לערנען וועט איר זיך אויסלערנען און קיין קויכעס וועלן ניט קלעקן. היט, היט אייערע קויכעס, זיי וועלן צונויץ קומען.

---

*) דעמאלט איז אין מאסקווע געוועזן איינגעפירט, מען זאל לעשן די עלעקטריק אנפאנג אוונט, צוליב עקאנאמיע אין הייץ־מאטעריאלן.

קאַרל מאַרקס — לענינס לערער



די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן אָפּגעשטעמפּלט מיט גאָלד צוויי פאַרשטויבטע פענצטער אַף דער וואַנט פון אַ טאַבאַק־וואַרשטאַט, וואו זיך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט נאָך אַ יונגן אַרבעטער. אַף דער וואַנט איז געזאַנגען אַ פאַרשטויבטער פּאָרטרעט. דער יונגער אַרבעטער האָט זיך טיף פאַרזוקט אַפן פּאָרטרעט און אַ זאָג געטאָן:

— אָך, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט עפּעס הערן וועגן אים!

— טייערינקער! — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער — דאָס איז געווען אַ זעלטענער מענטש, איינער פון די זעלטנסטע מענטשן אַף דער וועלט. הונדערטער מאָל זיינען מיר געזעסן צוזאַמען און געשמועסט און פאַרבראַכט באַ אַ גלעזל טיי.

— דערציילט עפּעס וועגן אים! — האָט אָנגעהויבן בעטן דער יונגער אַרבעטער — דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען, ווי אַזוי ער האָט גערעדט, — דערציילט אַלץ!

— אויב דיר ווילט זיך יאָ אַזוי שטאַרק, טאָ הער מיט קאָפּ. מיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, און איך פלעג אָפט אָפּטראָגן די פאַרטיקע שיך

צו זיי אהיים. און דעמאָלט האָבן מיר זיך באַקענט. קאַרל איז געווען אַ לעבעדיק קינד. מיר האָבן זיך ביידע געלערנט אין שול. קאַרל איז געווען דער בעסטער שילער. אַלע האָבן אים ליב געהאַט. ווײ, ווײ, וואָס פאַר אַ מייסעס ער פלעגט דאָס אונז אַנדערצײלן! הײנט זײנע לידלאַך, וואָס ער פלעגט שרײבן! אַלע קינדער פלעגן זײ זינגען.

איך האָב די שול ניט פאַרענדיקט, ווייל איך האָב געדאַרפט גײן אַרבעטן.

ס'איז דורך עטלעכע יאָר, און איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אויף אַ מיטינג. קאַרל מאַרקס איז ניט געווען פון די גרויסע רעדנער. נאָר גערעדט האָט ער דײטלאַך, אײנפאַך און צו דער זאַך. מע האָט אים אויסגעהערט אין טיפן שווייגן.

אַז דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, האָב איך שוין געוואָלט אוועק־גײן אהיים. איך האָב זיך עפּעס געשעמט און עפּעס ווי מוירע געהאַט צוצוגיין צו אַזאַ גרויסן און וויכטיקן מאַן, ווי דאָקטאָר קאַרל מאַרקס. אָבער ער האָט מיך באַמערקט און אַ רוף געטאָן באַם נאָמען: „וואַרט צו אַ ווײלינקע, האַנס!" און דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען און מיר דערלאַנגט ביידע הענט און גלייך מיך פאָרגעשטעלט פאַר די פירער פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג: „אָט דאָס איז מײן טײערער כאַווער, האַנס פּריטשע".

מיר זײנען אַלע אוועק אין אַ רעסטאָראַן צובײסן. אָך, ווען דו וואָלסט, טײערינקער, געהערט, ווי אַזוי קאַרל מאַרקס האָט מיט זײ גערעדט! ווי אַזוי האָט ער דערוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג מוז פאַלן!

ווען אַלע זײנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער מיט מיר אוועק אין דער רעדאַקציע פון דער „רײנישער צײטונג". דעמאָלט האָב איך זיך ערשט דערוווּסט, אַז ער שרײבט אַרטיקלען, אין וועלכע ער פאַרטײדיקט די אַרבעטער און פאַלט־אָן אויף דער רעגירונג.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַגעגענען זיך גאַנץ אָפט. שפּעטער, אַז די רעגירונג האָט פאַרמאַכט די „רײנישע צײטונג" פאַר אירע רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען, איז קאַרל מאַרקס אַרויסגעפאָרן פון דײטש־לאַנד אין פראַנקרייך און זיך באַזעצט אין פּאַריז. דאָס איז געווען אין יאָר 1843.

מיר האָבן אָנגעהויבן באַקומען די צײטונג „פאָרווערטס", אין וועל־כער קאַרל מאַרקס און אַנדערע באַוואוסטע שרײבער און רעוואָלוציאָנערן האָבן געשריבן. אײניקע האָט אָבער די רעגירונג אויך די דאָזיקע צײטונג פאַרמאַכט. מאַרקסן מיט נאָך עטלעכע זשורנאַליסטן האָט מען פון פראַנק־רייך אַרויסגעשיקט.

די מאַטעריעלע לאַגע פון קאַרל מאַרקסן איז דעמאָלט געווען זייער געדריקט. נאָר קיינער פון אונז האָט ניט געוואוסט. ער האָט ניט ליב געהאַט, מע זאָל וועגן דעם וויסן. נאָר ענגעלס, דערוויסנדיק זיך זיין אדרעס, האָט אים אַרויסגעשיקט אַביסל געלט, וועלכע איז גאַנץ גוט צונוץ געקומען.

אין 1847 יאָר האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט, נאָר דאָס איז שוין געווען אין לאָנדאָן.

אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָט מען אַלץ מער גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף שאַפן אַ פאַראייניקונג צווישן די אַרבעטער פון אַלע לענדער. דאָס הייסט אַן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. קאַרל מאַרקס האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין לאָנדאָן איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנגרעס (צוזאַמענפאָר) אויף צו באַטראַכטן די פּראָגראַם, וואָס מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט. מיינע כאַווייירים האָבן מיך דעלעגירט צו דעם קאָנגרעס. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערינקער, קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן די צען טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן קאָנגרעס!

קאַרל מאַרקס האָט געלייענט די פּראָגראַם, וואָס איז דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט“. מאַרקס איז געווען פול מיט באַגייסטערונג. מיר אַלע זיינען געזעסן, ווי פאַרקישעפטע. טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן, טרערן פון פרייד. און אַז ער האָט פאַרענדיקט די לעצטע שורה: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!“ האָט אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן גענומען טרייסלען די שויבן. מיר האָבן געפּאַטשט ביז מעשוגע צו ווערן. מאַרקס האָט עס ניט ליב געהאַט און פלעגט שטענדיק פילן ניט גוט, ווען מען האָט אים אָפּגעגעבן קאָווער.

דער אַלטער האַנס איז אַנטשוויגן געוואָרן. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אויסגעלאָשן און אין וואַרשטאַט איז געוואָרן טונקל. דער אַלטער האָט אָנגעצונדן ליכט און מיט אַ באַזונדערער ליבע האָט ער זיך צוגעקוקט צום קליינעם פּאָרטרעט.

— דו, טייערער — האָט דער אַלטער איבערגעריסן די שטילקייט — האָסט גערעדט וועגן אינטערנאַציאָנאַל. אָט אויף דער קאַרטע איז מאַרקס אָראָפּגענומען געוואָרן אַקוראַט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן.

מאַרקס האָט די גאַנצע צייט זיינע אָפּגעגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל, גענומען אַן ערנסטן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע מיטינגען, געווען פּאָרזיצער אויף די מיטינגען און אויסגעאַרבעט אַלע פּראָגראַמען און פאַרערונגען.

די לעצטע יארן פלעג איך זיך זייער אפט זען מיט מארקסן.

— איך מוז פארענדיקן מיין בוך „קאפיטאל“ — האט מיר איינמאל מארקס געזאגט אף א שפאציר — קיין מער וויכטיקע זאך פאר דער אר־בעטער־באוועגונג האב איך ניט געטאן. אויב איך וועל מיינ ווערק ניט פארענדיקן, וועט קיין אנדערער פאר מיר די ארבעט ניט אפטאן.. און צוליב דעם אליין ווילט זיך מיר אזוי לעבן.

איך דארף דיר זאגן, אז די לעצטע יארן זיינע האב איך אים געזען קימאט שטענדיק א קראנקן, אין בעט. און קראנקערהייט האט ער זיך פאר־נומען מיט שרייבן זיין „קאפיטאל“. אבער דער טויט האט איבערגעריסן זיין ארבעט. (דעם 14טן מערץ, 1883 יאר).

נאך זיין טויט האט זיין בעסטער כאווער און פריינט, פרידריך ענגעלס, געבראכט אין ארדענונג דעם 2טן און 3טן באנד פון זיין „קאפיטאל“.

דו ווייסט גארניט, וואס פאר א גליק עס איז פארן ארבעטער־קלאס, וואס ענגעלס האט זיך גענומען פאר דערדאזיקער ארבעט. קיין אנדערער וואלט דאס ניט געקענט טאן. מארקס און ענגעלס זיינען געווען אזוי ווי א צווילינג.

איניקע כאווירים פלעגן זיי אין די אויגן רופן: „דער צווילינג“. אבער ניט מארקס און ניט ענגעלס האבן זיך קיינמאל ניט געפונען באליי־דיקט פון דעם.

מארקס גוטע פריינט האבן זיך געקליבן אים צו שטעלן א דענקמאל פון בראנזע. נאר דארף דען מארקס א דענקמאל? זיין שאפונג איז אים דער בעסטער דענקמאל און ביז עס וועט זיך נאך פירן דער גרויסער קאמף פאר דער באפרייאונג פון ארבעטער־קלאס, וועט שטענדיק, שטענדיק בא יעדערן אין הארצן לעבן דער נאמען פונם גרויסן מענטשן און גרויסן. גרויסן כאווער — קארל מארקס.

איציק פעפער

איליטש

אַ ראַדיאָ צו אַלע...
אַ שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אַף הוילע קעפּ.

באַם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אַזוי ווייט, און טאָג איז אַזוי שוואַרץ;
ס'איז דאָ אַזוי פיל פראָסטער לעגינם וואונדער
אין אונזער שטאָלענעם און וויינענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ צו אַלע...
אַן אַנדער ראַדיאָ, אַ צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ! מיט אַלע און באַ אַלע
אין אונזער הייסן בלוט, און שטרענגע קאַלטע טריט.
ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס וועט אַ וועג אונז ווייזן,
און מענטשן פראָסטע איז דאָ דאָך אָן אַ צאָל.
ס'איז דאָ אַ לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זיינען אַלע דאָ.
מיר זיינען קאָמונאַרן.
אין היים איז אונזער בלוט און פעסט איז אונזער לאַנד,
מיר זיינען אומעטום
מיט לעגינם פאָן אין האַנט!

אַף דער ערן־וואַנד

באַנאַכט.

דאָס פּאַריינען־הויז איז באַלאַגערט מיט לאַנגע אומענדלאַכע רייען פון צענדליקער טויזנטער מענטשן.

מיט גרוים מי שפּאַרט זיך דורך אַ קליינע גרופּע קינדער.

— קינדער — אויסער דער ריי! לאָזט אַ וועג!

— צו וואָס לאָזט מען זיי אהער גיין באַנאַכט! — זיינען די אַרבע־טער־רייען ניט צופרידן...

דאָס איז אַ פּיאָנערן־רינג, וועלכער גייט צו דער ערן־וואַנד באַ לעגינס אַרן.

מע שטויסט זיך דורך צו דער טיר. דער עלטסטער דערלאַנגט דעם רויט־אַרמייער אַ בילעט אין שוואַרצן באַזוימט:

— צו דער ערן־וואַנד!

מע לאָזט זיי דורך שנעל אַף די טרעפּ אַרויף— אין וואַנד־צימער. אויסגעטאָן די פּעלצלאַך, צורעכט געמאַכט די האַלזטיכלאַך.

די ערשטע פיר פּיאָנערן שפּאַנען מיט האַרטע טריט נאָך דעם עלטסטן איבער דער וואַנד. דער גרויסער זאַל איז באַגאָסן מיט העלער ליכט פון הונדערטער לאַמפּן. ווייסע הויכע מאַרמאָר־ווענט און קאָלאָנען באַפּוצט מיט גרינע צווייגן און מיט פאָנען. אַ ברייטער מענטשן־שטראָם פליסט פון איין טיר אַריין און דורך דער צווייטער — אַרויס. אַלע אויגן זיינען געווענדט אין איין פּינטל.

— דאָרט.

דער עלטסטער האָט צוגעפירט די פּיאָנערן צום סאַמע פּאָסטאַמענט און צעשטעלט אַף דער וואַנד. זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרגליווערט אַף זייערע ערטער. צוויי פון זיי זיינען געווען געווענדט מיטן פּנים צו איליטשן.

אין פינף מינוט אַרום האָבן זיי פאַרביטן אַנדערע פיר — און אַזוי צען מאָל.

וועגן וואָס האָבן געקלערט פערציק אַרבעטער־קינדער פּיאָנערן אין די פינף מינוט, וועלכע קיינער פון זיי וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן?

זיי האָבן געקלערט:

— מיר שטייען דאָ אין נאָמען פון אַלע אַרבעטער־קינדער פון דער גאַנצער וועלט. דורך אונז געזעגנען זיי זיך אַלע מיטן טייערן אומפּאַר־געסלאַכן איליטש.

— שלאָף רואיק, ציידע לענין! דיין גאַנץ לעבן האָסטו אָפּגעגעבן די אַרבעטער, די אַרבעטער־קינדער. דיינע אייניקלאַך, די יונגע לענינצעס, וועלן געדענקען און אויספּילן אַלע דיינע געבאָטן, וואָס דו האָסט פֿאַר־זאָגט. מיר שווערן צו גיין אַף דינן וועג, איליטש! מיר שווערן אויסוואַקסן עמעסע לענינצעס!



דער לענין־מאַוזאָליי אין מאָסקווע.

ארבעט:

שרייב אַן אַ פּאַראַגראַף צו יעדער פראַגע:

1. וואָס מיינט לענינס לערע פאַר די נעגערס?
2. וואָס טראָגט לענינס לערע פאַר די אונטערדריקטע פעלקער אין די קאָלאָניאַלע לענדער?
3. ווי אַזוי האָט לענינס לערע אָפּגעקלונגען אין כינע?
4. וואָס האָט לענינס לערע געבראַכט צו די פאַרשיידענע נאַציעס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד?
5. ווי אַזוי האָט לענין געלייזט די אידן־פראַגע אין ס. פ.?

העכער לענינס פאָן

שאַבעס אינאָוונט, צווייטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן פון גאַנץ פ. ס. ר. ר. מאָרגן ברענגט מען אַליטשן צו קוואורע. אַ וואָרט נעמט די כאַווערטע קרופסקאַיאַ (לענינס פרוי). ווער וועט פאַרגעסן יענעם מאָמענט? שטיל. מע הערט, ווי אַ פליג פליט דורך דעם זאַל. אַלע אויגן זיינען צוגעשמידט צו דער ליבער נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנ-טינאָוונאַ, — ווי שווער דאַרף איר זיין צו רעדן אין דער מינוט!...

נאָר זי רעדט מוטיק, דרייסט:

— כאַווײרים!

פאַר די טעג, וואָס איך בין געשטאַנען באַם אָרן פון וולאַדימיר איליטש, האָב איך איבערגעטראַכט ס׳גאַנצע לעבן זיינס, און אָט-וואָס איך וועל אייך זאָגן. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט הייסער ליבע צו אַלע אַרבעטנדיקע, צו אַלע געדריקטע. קיינמאָל האָט ער דאָס אַליין ניט געזאָגט...

ער האָט געוואָלט די מאַכט פאַרן אַרבעטער-קלאַס, ער האָט פאַר-שטאַנען, אַז דער אַרבעטער-קלאַס דאַרף דידאָזיקע מאַכט ניט צוליב בויען פאַר זיך אַ זיס לעבן אָפּן כעשבן פון אַנדערע אַרבעטנדיקע, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די היסטאָרישע אויפגאַבע פונם אַרבעטער-קלאַס — איז די באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע, אַלע אַרבעטנדיקע...

עס איז געשטאָרבן וולאַדימיר איליטש. געשטאָרבן אונזער גע-ליבטער, אונזער נאָענטער. כאַווײרים קאָמוניסטן, העכער הויבט די פאָן, וואָס איז געווען טייער לענינען!

כאַווײרים אַרבעטער און אַרבעטערנס, כאַווײרים פּויערים און פּויערטעס, אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט! שליסט זיך צונויף אין ענגע רייען, שטעלט זיך אונטער דער פאָן פון לענין, אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם!

כאַווער לענין האָט געזאָגט:

דו ביסט אַ יונגער אַרבעטער. דו ביסט אַ זון פון אַרבעט און נויט, דו געהערסט צו דעם אַרבעטער־קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס — דאָ זיינען אַלע, וואָס לעבן פון געדונגענער אַרבעט, וואָס פאַרקויפן זייער קויאַך צום אַרבעטער. קעדיי צו אַרבעטן, דאַרף מען האָבן מאַשינען, רויוואַרג, מע דאַרף האָבן פאַבריקן, וואַרשטאַטן. אַף דער גאַנצער וועלט, אַכוץ אין סאָוועטנלאַנד, געהערן די מאַשינען, די פאַבריקן און וואַרשטאַטן צו קאַפּיטאַליסטן, באַלעבאַטים. אין סאָוועטנלאַנד געהערן די פאַבריקן, שאַכטעס, אייזנבאַנען צו דער מעלוכע, דאָס הייסט — צו אַלע אַרבעטער און פּויערים. אַף דער גאַנצער וועלט, אַכוץ סאָוועטנלאַנד, אַרבעטן די אַרבעטער אַפן קאַפּיטאַליסט. ער עקספּלואַטירט זיי. אין אונזער לאַנד אַרבעטן די אַרבעטער אַף דער מעלוכע, דאָס הייסט — אַף זיך אַליין.

ראָזע לוקסעמבורג

ראָזע לוקסעמבורג האָט איר גאַנץ לעבן געקעמפט, ווי אַ רעוואָ-לוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פירער, און איז העלדיש געשטאָרבן, דערהאַרגעט דורך דער קאָנטער-רעוואָלוציע.

ראָזע לוקסעמבורג איז געבאָרן געוואָרן אין אַ מישפּאָכע פון אַן אָרימען אידישן שוסטער אין פּוילן. אין דער פריער יוגנט, 16 יאָר אַלט, הויבט זי אָן אָנטיילצונעמען אין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און טרעט אַריין אין דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". די צאַרישע רעגירונג אַרעסטירט די אָנפירער פון דער פּאַרטיי. ראָזע לוקסעמבורג אַנטלויפט קיין אויסלאַנד, אין דער שווייץ. אין 1897 יאָר פאָרט זי איבער קיין דייטשלאַנד, וואו זי הויבט אָן אַרבעטן אין דער דייטשי-שער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. זי שטעלט זיך בעראָש פון לינקן רעוואָלוציאָנערן פליגל פון דער פּאַרטיי.

אין 1905 יאָר פאָרט ראָזע לוקסעמבורג אַריבער קיין רוסלאַנד, קעדיי אָנטיילצונעמען אין דער רוסישער רעוואָלוציע. נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע אין 1905 יאָר פאָרט זי ווידער אַוועק קיין אויס-לאַנד.

אין די יאָרן פון מילכאָמע ווייזט זיך אַרויס דער גאַנצער רעוואָ-לוציאָנערער אימפּעט פון ראָזע לוקסעמבורג. איר קאָלאָסאַלע ענערגיע און גרויסן רעדנערישן טאַלאַנט ווידמעט זי דער אַגיטאַציע קעגן דער מילכאָמע, שטויסנדיק די אַרבעטער-מאַסן אָפּן פון פּראָטעסט קעגן דער מילכאָמע.

זי פאָרט אַרום איבער גאַנץ דייטשלאַנד, אומעטום אַרויסטרעטנ-דיק אַף מיטינגען קעגן דער מילכאָמע. זי ווערט פאַרמישפּעט צו טפיסע און געפינט זיך אין דער טפיסע ביז דער דייטשישער רעוואָ-לוציע פון 1918 יאָר.

נאָך דער באַפרייאונג ווערט זיך איניינעם מיט קאַרל ליבקנעכטן די אָנפירערין פון דער יונגער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי פירט אַ קאַמף מיט דער מענשעוויסטישער רעגירונג, וואָס אַרבעט צוליב די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. וואָס מער עס וואַקסט די

ווירקונג פון ראָזען אַף די אַרבעטער־מאַסן, אַלץ מער וואַקסט צו איר די סינע פון דער בורזשואַזיע, שוואַרצעמייעניקעס, מענשעוויקעס.

דעם פופצנטן יאַנוואַר 1919, אין טאָג, ווען ס'איז דערהאַרגעט געוואָרן קאַרל ליבקנעכט, איז דערהאַרגעט געוואָרן אויך ראָזע לוקסעמבורג. די סאָנים פון אַרבעטער־קלאַס האָבן גוט געוואוסט אין וועמען זיי צילעווען — זיי האָבן דערהאַרגעט די צוויי בעסטע און העלדישע פירער פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס ניט נאָר פון דייטשלאַנד, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט.

קאַרל ליבקנעכט

שטורעם

שטורעם דו, כאַוועער דו,
היי, ווי דו רופסט מיך!
נאָך אָבער קאָן איך ניט,
איך, קייטן־געשלאָסענער!

דאָך שטורעם בין איך אויך,
טייל בין איך פון דיר!

און קומען וועט ווידער
דער טאָג, ווען איך וועל רייסן
אויף שטיקער דאָס אייזן
און שטורעמדיק ברויזן,
איבער די וועלטן, איבער די צייטן,
אַרום און אַרום פון דער ערד!

ברויזן דורך לענדער,
און שטורעמען אין מענטשן,
אין מענטשלאַכע מויכעס,
אין מענטשלאַכע הערצער,
שטורעם־ווינט, שטורעם, ווי דו!

קאַרל ליבקנעכט

קאַרל ליבקנעכט איז אַ זון פונם באַרימטן סאָציאַליסט ווילהעלם ליבקנעכט (אַ שילער פון מאַרקסן), וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער דייטשישער אַרבעטער-באַוועגונג. פון קינדווייזן וואַקסט ער אין אַ סוויווע פון סאָציאַליסטישע אידייען און אַרבעטערקאַמף און וואַקסט אוים אַ קאָמוניסט, שטענדיק גרייט צום קאַמף.

אין 1905טן יאָר הויבט ער אָן צו פירן אַן אַגיטאַציע פאַר אַן אַלגעמיינעם סטרייק. שוין אין יענע יאָרן זעט ער, אַז די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע הויבט אָן גיין ניט אָף וועגן פון קאַמף פאַרן כאָציאַליזם, נאָר פון שאָלעם מיט דער בורזשואַזיע. ער זוכט אַ נייעם קויאַך, וואָס זאָל אַריינגיסן פריש רעוואָלוציאָנער בלוט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. ער איז דער גרינדער פון דער באַוועגונג פון דער אַרבעטער-יוגנט אין דייטשלאַנד און אויך פונם סאָציאַליסטישן יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל (וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1909 יאָר).

ליבקנעכטס נאָמען וועט בלייבן אומפאַרגעסלאַך פאַר דער אַרבעטער-יוגנט פון דער גאַנצער וועלט, ווי דער נאָמען פונם גרינדער און באַשיצער פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט-באַוועגונג.

ליבקנעכט פירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דער דייטשישער רעגירונג פאַר די אָרדענונגען אין דער אַרמיי, וואו מ'מושטירט די יונגעלייט, קעדיי צו שאַפן פון זיי געהאַרכזאַמע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן זיין גרייט צו שיסן לויטן באַפעל פון זייערע גענעראַלן אין זייערע אייגענע אַרבעטער-ברידער.

קאַרל ליבקנעכטן פאַרזעצט מען אין טפיסע אָף אַנדערהאַלבן יאָר.

ברייט ווערט באַוואוסט ליבקנעכטס נאָמען אין די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-קרייזן פון דער גאַנצער וועלט בעשאַס דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג געשוואָרן, אַז זי איז קעגן דער מילכאָמע, פאַרראַט דעם אַרבעטערקלאַס, און שטימט דעם 4טן אַווגוסט 1914 (אין סאַמע אָנהויב פון דער מילכאָמע) פאַר אונטערהאַלטן די רעגירונג. דער א יי נ צ י ק ע ר פון אַלע דעפּוטאַטן (פאַרשטייער) פון דער סאָציאַל-

דעמאָקראַטיע אין דייטשישן פּאַרלאַמענט, וואָס האָט געשטימט קעגן דער מילכאָמע, איז געווען ליבקנעכט. ער פירט אָן אומאויפהערלעכע אַגיטאַציע קעגן דער מילכאָמע.

אין 1916טן יאָר, נאָך דער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מיי, אויף וועלכער ליבקנעכט האָלט רעדעס פאַר פאַרענדיקן די מילכאָמע און פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמישפּעט צו 6 יאָר קאַטאָרגע.

ערשט אין 1918טן יאָר, ווען ס'פאַלט דער דייטשישער קייסער ווילהעלם, עפענען זיך פאַר ליבקנעכטן די טירן פון טפיסע. ליבקנעכט וואַרפט זיך אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ער רופט די אַרבעטער צו פאַרכאַפּן די מאַכט, צו אָרגאַניזירן און איינשטעלן אַ ראַטנמאַכט אַנשטאָט דער בורזשואַזער. ער שטעלט זיך בעראָש פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אָרגאַניזירט אין אָנהויב יאַנואַר 1919 אַן אויפשטאַנד פאַר דער ראַטנמאַכט.

רָאזע לוקסעמבורג

פון הינטער די גראַטעס

(פון רָאזע לוקסעמבורגס אַ בריוו פון טורמע
צו קאַרל ליבקנעכטס פרוי, צו סאָני ליבקנעכט)

„איך לעב דאָ איבער שאַרפעליידן. אויפן הויף, וואו איך שפּאַציר, קומען אָפט צופאָרן מיליטערישע וואַגנצוגן. זיי זיינען אָנגעפּאַקט מיט זעק אָדער מיט אַלטע סאָלדאַטישע שינעלן און העמדער, אָפט פאַרפלעקט מיט בלוט. דאָ פּאַקט מען זיי אויס, מע פאַרטיילט זיי איבער די קאַמערן, וואו מע פאַריכט זיי און מ'לאַטעט זיי אויס. דערנאָך לאָדט מען ווייטער אָן די פורן און מ'צעגיט זיי די סאָלדאַטן.

„ניט לאַנג איז אַהער געקומען אַזאַ וואָגן, איינגעשפּאַנט ניט מיט פערד, נאָר מיט בופלאָקסן. צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען נאָענט לעבן זיך צו זען דידאָזיקע כאַיעס. זיי זיינען שטאַרקער און ברייטער געבויט, ווי אונזערע אָקסן. זייערע קאָפּ-שאַרבנס דערמאָנען אונזערע ציגן, איינגאַנצן שוואַרצע, מיט גרויסע מילדע אויגן. זיי שטאַמען פון רומעניע.

„די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די וואַגנצוגן, האָבן דערציילט, אַז ס'איז זייער שווער געווען צו כאַפּן דידאָזיקע בופּלאַקסן, און ס'איז נאָך שווערער געווען זיי אָפּצוגעוואוינען פון דער פרייהייט און זיי אויסלערנען פירן מאַסאַעס. מע שלאָגט זיי שרעקלאַך.

„דערצו זיינען זיי נאָך געוואוינט צו די רומענישע פעטע פּאַשע־פעלדער, און דאָ גיט מען זיי ווייניק און שלעכט עסן. זיי ווערן אַכ־זאַריעסיק אויסגענוצט אויף אַריבערצופירן די שווערסטע מאַסאַעס. זיי קומען דערביי אום זייער גיך. אָט איז מיט עטלאַכע טעג צוריק אַריינגעפאָרן אין הויף אַזאַ וואָגן, פול אָנגעלאָדן מיט זעק. די זעק זיינען געווען אָנגעלייגט אַזוי הויך, אַז באַם אַריינפאָרן אין הויף האָבן די בופּלאַקסן בעשום־אופן ניט געקאָנט אַריבערשלעפּן די מאַסע איבער דער שוועל.

„דער סאָלדאַט, וואָס האָט זיי געפירט, — זייער אַ האַרטער מענטש, — האָט זיי אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו שלאָגן מיטן גראָבן הענטל פון דער בייטש, אַז די אויפגעבראַכטע אויפזעער האָבן אים געפרעגט:

— ניט־שוין־זשע האָסטו קיין ראַכמאָנעס ניט אויף די כאַיעס?

— אויף אונז, מענטשן, האָט אויך קיינער ניט ראַכמאָנעס, — האָט ער מיט אַ בייז שמייכעלע געענטפערט און האָט נאָך שטאַרקער גענומען זיי שלאָגן.

„סאָפקאָלסאָף האָבן זיך די כאַיעס אַריינגעשלעפּט דורכן טויער. בא איינעם פון זיי האָט זיך אָבער געגאָסן בלוט...

„סאַני! די פעל פונם בופּלאַקס רימט זיך מיט איר שטאַרקייט און גראָבקייט. און אָט דידאָזיקע פעל איז צעריסן געוואָרן.

„די כאַיעס זיינען באַם אויסלאָדן געשטאַנען גאָר שטיל, אויסגעמאַטערט, און דער בופּלאַקס, בא וועלכן ס'האָט זיך געגאָסן בלוט, איז געשטאַנען מיט אַזאַ אויסדרוק אויף זיין שוואַרצן פּאָנעם און אין די מילדע, שוואַרצע אויגן, ווי בא אַ פאַרווינט קינד...

„איך האָב איבערגעלעבט אין מיין אומבאַהאָלפנקייט דעמדאָזיקן שטומען ווייטיק, ווי ווייט, ווי ווייט זיינען די פרייע, זאַפטיקע, גרינע פּאַשע־פעלדער פון רומעניע!

מיין אָרעמער בופּלאַקס! ביידע שטייען מיר דאָ אַזוינע מאַכטלאָזע.

„סאני! טייערע! ניט געקוקט אף קיין זאך — זייט רואיק און פריילאך. אזוי איז שוין דאס לעבן און אזוי דארף מען עס אויפנעמען, מיט דרייסטקייט, און מיט א שמייכל, דורכוים מיט א שמייכל...“

קארל ליבקנעכט

בריוו פון טורמע

(1917)

1. מיינע ליבע! איר זייט געווען אזוי איבערראשט מיך צו זען הינטער גראטעס. איך האף, אז איר האט זיך בארואיקט, איר דארפט עס טאן. מע דארף זיך צוליב אזעלכע אויסערלאכע זאכן ניט נעמען צום הארצן. וואס פאר א ווערט האבן דען די גראטעס? וואס קאן דאס מיך און אייך אנגיין? אזוי ווייניק, ווי די ארעסטאנטן-קליידער, אזוי ווייניק, ווי מיין געשוירענער קאפ. מיר זיינען ווער מיר זיינען, און מיר פארבלייבן מ י ר, ניט קוקנדיק אף דעם אלעמען...

דעריבער הויך דעם קאפ! האלט זיך אויך ווייטער אזוי.

2. מיין טייערסטע העלמי!

פאר מיין פענצטער שרייט דער פרילינג-שטורעם. ס'איז שוין ווארעם. מערץ-לופט. אזוי זאל אויסזען אין דיין הערצעלע, אין דיין קע-פעלע. ברייטער די לונגען-באוועגונג און שטייפקייט אין די גלידער! ניט אראפפאלן בא זיך!

עס עקבערט און קימערט דיך די מילכאמע מיט אלע אירע אנ-שיקענישן. יא, זיי מוזן טאקע אנווארפן אן אומעט אף איטלאכן. ס'איז מער ניט מעגלאך אזא לעבן, וואס לאזט אלץ גיין ווי עס גייט. און מעגלאך איז נאר אזא לעבן, וואס איז גרייט זיך אליין פאר א קארבן ברענגען — א קארבן פארן קלאל.

מיין לעבן ביז איצט איז געווען גליקלאך — ניט געקוקט אף אלץ; דאפקע אין יענע צייטן, בעשאס איך האב געקעמפט און געליטן מער ווי אלעמאל. אזוי וועט זיין אויך מיט דיר.

איצט גייט אונזער מילכאמע!

אלע דיינע דייגעס ווילט זיך מיר פארטרייבן מיט קושן, דו — מיין עלנטער קליינער קעמפער. ס'מאכט ניט אויס, אין קאמף זינגן מיר! אסאך, אסאך קושן.

דיין פאטער.

אינהאַלט:

1905

דער שטומאַק, סאַרע באַרקאַן — — 3
דער 9טער יאַנואַר, מאַקסים גאָרקי—6
די ווירקונג פון דער ערשטער רוסי־
שער רעוואָלוציע — — — — — 13
9טער יאַנואַר (ליד), איציק פעפער—14
צו אַלע אַרבעטער (אויפרוף), — —15
אין סיביר (ליד), ה. ד. נאָמבערג — 16

1917

אויף דער וואַך (ליד), איציק פעפער—17
אָפּגעשאַפט דעם צאַר,
פון לידיא סייפולינאַ — — — 18
טעג, וואָס האָבן אויפגערודערט די
וועלט, דזשאָן ריד — — — —20
האַנט צו האַנט (ליד), איציק פעפער 28
די טריפּאָליער טראַגעדיע — — — 29
אַלי־בעז, איציק פעפער — — — 30

אויפבוי

יאַנטעוו (ליד), — — — — — — 33
פ. ס. ס. ר., פון „צום נייעם לעבן 33
ווי אַזוי איז געבויט די סאָוועטן־
מאַכט, פון „צום נייעם לעבן" — 34
לוניאַל (ליד), מ. כאַשטשעוואַצקי—36
די רעכט פון די אַרבעטנדיקע,
פון „צום נייעם לעבן" — — 36
דער פינף־יאָריקער פּלאַן, פון
צום „נייעם לעבן" — — — — — 38
דאָס ליד פון אַרבעטער, דאַוויד
האָפשטיין — — — — — — — 40
לאָקאָמאָטיוו נומער 100, פון
„אַרבעטס־קינדער" — — — — 41
אַרבעט שוין, פון „צום נייעם לעבן" 43
טעוואָליאַנטאַ — — — — — — 45
סאָוועטישע טורמעס, ראָכל
האַלטמאַן — — — — — — — 49
דנעפּערבוי (ליד), איציק פעפער — 51
דנעפּערבוי, פון „צום נייעם לעבן" 52
אין סאָוועטישע קינדער קאָלאָ־
ניעס, מאַקסים גאָרקי — — — 53
נאַטור־רייכטימער פון סאָוועטן־
פאַרבאַנד, פון „אַרבעטס־קינדער" 54
דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל — 56

אויף ערד

קרעמער אין פעלד, איזי כאַריק — 58
א איד — א פויגל, שאָלעם אַליכעם 59
טעוויע לעבט איבער פּאָגראָם־צייטן,
פון שאָלעם אַליכעם — — — — 61
איקאַר (ליד), נאָכעם ווייסמאַן — 63
קאַמערד, פון „צום נייעם לעבן" — 65
געזוערד, פון „צום נייעם לעבן, — 66
ברויט (ליד), איזי כאַריק — — 67
פון האַנדל צו ערד, א. בלאַנדער — 68
צו א נייער היים, צו א ניי לעבן,
פון א. בלאַנדער — — — — —70
אַנטיסעמיטיזם, פון „צום נייעם
לעבן" — — — — — — — — 71

לענין

האָט לענין געזאָגט (ליד),
פון איציק פעפער — — — — 73
לענין (כאַראַקטעריסטיק), פון
„אַרבעט און קאַמף" — — — 74
„זיך אָפּרעכענען מיט זיי" — — 76
באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס — 77
כאַווער לענין האָט געזאָגט — — 77
לענין אין א סטודענטן־קאָמונע — 78
קאַרל מאַרקס—לענינס לערער (ביאָ־
גראַפיע), פון „אַרבעטס־קינדער" 81
איליטש (ליד), איציק פעפער — 85
אויף דער ערן־וואַך — — — — — — 86
העכער לענינס פאָן — — — — 88
כאַווער לענין האָט געזאָגט — — 89
ראָזע לוקסעמבורג (ביאָגראַפיע) — 90
שטורעם (ליד), קאַרל ליבקנעכט — 91
קאַרל ליבקנעכט (ביאָגראַפיע) — 92
פון הינטער די גראַטעס (בריוו)
פון ראָזע לוקסעמבורג — — — 93
בריוו פון טורמע, קאַרל ליבקנעכט—95